STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 01779

SHARONAH

L. Kurland

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

לייב קורלאַנד

שרונה

ראָמאַן

פֿאַרלאַג י.ל. פּרץ ישראל

תשל״ז—1977

Free Public Library, Newark, N.J.

L. KURLAND

SHARONA

NOVEL

I. L. Peretz Publishing House
31, Allenby Tel Aviv, ISRAEL

ל. קורלנד

שרונה — רומן

הוצאת י. ל. פרץ, תל־אביב

Printed in Israel 1977

נדפס בישראל

דפוס „להב", רח' המסגר 60, טל. 36564

„Garde ton âme ouverte aux parfums d'alentour
Aux mouvements de l'onde,
Aime l'effort, l'espoir, l'orgueil, aime l'amour
C'est la chose profonde".

ANNA DE NOAILLES

שער: בען

צייכענונגען: שלום שכוי

באַוואָרעניש:

דאָס דאָזיקע בוך איז אַ ראָמאַן און נישט קיין געשיכטע, דאָס הייסט — אַן אויסגעטראַכטער געוועב פון מחברס פאַנטאַזיע. אויב עס פאַלן זיך צונויף טייל ערטער, מענטשן, כאַראַקטערן, געשעענישן, מיט ווירקלעכע עלעמענטן אינעם זכרון פון לייענער — זענען דאָס נישט מער ווי צופעליקייטן.

א

און געווען איז אַן אָוונט. געווען איז אַ נאַכט. און אַז מען וואַרט, ציען זיי זיך ווי מעת־לעתן גרויליקע, און דער פרימאָרגן קומט ווי אַן אויסלייזונג.

געקומען איז ער מיט רעש און מיט פחד. עטלעכע שווערע לופטמאַשינען האָבן זיך געמאַכט אַ וועג אינעם פרימאָרגן־שאַרע־ניש, צווישן הימל און כינרת, און אַריינגעשניטן זיך אין די נעפּל־בערג איבערן גולן. די שויבן האָבן זיך געוואָרפן קלינגענדיק אין זייער קיטענעם געקלעם, און די פישלער, וואָס האָבן געזוכט פרי־מאָרגן־אַוואַנטורעס אין די אייבערשטע וואַסער־שיכטן, האָבן גע־כאַפּט אַ ציטער, און אַנטרונען אין די טיפענישן, ווו עס איז נאָר נאַכט. אַ רויך, ווי אַ ריזיקער פּראָפּנציער, האָט זיך געדרייט אין חלל, און געבליבן שטעקן מיטן שאַרפן עק אינעם שפּיץ פון סוסיתא.

קוים האָבן די הימלען זיך געשטילט, האָבן גענומען רוישן די וועגן. שווערע טאַנקען, באַדעקטע מיט אַ געדיכטער נעץ, האָבן גע־ריסן זיך פון די קייטן, וואָס האָבן זיי פאַרפעסטיקט צו דער פּלאַט־פאָרמע, און גערעשט צום טאַקט פון די רעדער. דאָס זעלבע — די שווערע טאַנק־אַרטילעריע, מיט לאַנגע שיסקוימענס, אין אַ דראָענ־דיקער משופּע־פּאָזיציע.

מען איז געוווינט דאָ צו זען טאַנקען און אַרטילעריע אויף פּלאַטפאָרמעס, אויפן וועג צום גולן. אָבער קיין מאָל האָט מען נישט געזען אַזויפיל מיט אַ מאָל, און מיט אַזאַ געאייל.

„וואָס, ווידער?"

„שוין לאַנג שטיל געווען!"

„מ'מוז זיי געבן אַ טויטקלאַפּ, איין מאָל פֿאַר אַלע מאָל!"

„זיכער. אויב נישט, וועלן זיי נישט אָנזיצן און יעדן מאָנטיק און דאָנערשטיק..."

אַזוי האָבן זיך געחידושט מענטשן ביי די פּאַרטאַגיקע וועגן, און אַזוי האָבן זיי געענטפֿערט חיילים, וואָס האָבן אַרויסגעקוקט פֿון די מיליטערישע לאַסטאויטאָס און געפּאַנצערטע מאַשינען.

באַלד זענען זיך צעגאַנגען קלאַנגען, אַז מען מאָביליזירט. ביי דעם און ביי יענעם איז מען געקומען אין מיטן נאַכט, אַרויסגענומען פֿון די בעטן, און אַנדערע האָבן באַקומען באַפֿעלן צו שטעלן זיך ווי אַמפּריסטן אין דער איינהייט.

אסתּר, די באָד־באַדינערין, וואָס פֿאַרשפּעטיקט זיך תּמיד צו דער אַרבעט, איז דאָס מאָל געקומען די ערשטע. מ'איז געקומען רופֿן איר זון אין מיטן נאַכט, האָט זי שוין מער נישט געקאָנט איינשלאָפֿן. זי איז צופֿרידן, וואָס מ'רופֿט אים, אָבער זי ווייסט נישט פֿאַר וואָס איז ער תּמיד דער ערשטער, און מוז גיין דווקא ביי נאַכט. זאָל אים גאָט היטן און באַשיצן, ווי ער האָט עס געטון ביז איצט!

מישעל, דער נאַכטהיטער, האָט זי באַגריסט: „זעט זיך אויס, אסתּר, דיך אַרויסצושלעפּן פֿאַרטאָגס פֿון בעט, דאַרף מען טאַנקען און שווערע אַרטילעריע, האַ?"

„לאַך נישט פֿון אַ מלחמה־אַלמנה, מישעל" — האָט זי אים געענטפֿערט, דראָענדיק מיט אַ פֿינגער. „ווען דו האָסט שוין אַ זון אין מיליטער־עלטער, וואָלסטו נישט געלאַכט, וואָלסטו געווען אַ סך ערנסטער, ווי דו ביסט, מישעל".

מישעל האָט זיך אַרומגעדרייט אומגעדולדיק מיט דער ביקס אויפֿן אַקסל. ער האָט געוואַרט אויף מאירן, וואָס דאַרף אים פֿאַרבייטן ביי טאָג. ווי נאָר ער קומט, גייט ער אַהיים. היינט סטרייקט מען נישט. עס איז פּולווער אין דער לופֿטן. ער האָט צונויפֿגענומען די

נייַן פּלאַקאַטן מיטן „כאן שובתים", וואָס ער האָט געהאַט צוגעגרייט, ווי יעדן פֿאַרטאָגס, זייט עטלעכע וואָכן, און זיי פֿאַרשפּאַרט אין אַ ווינקל אין קעלער. מען וועט איבערוואַרטן דעם שטורעם, און ווידער קעמפֿן פֿאַר רעכט. זאָל זיינס פֿאַרגיין דערווייל.

זעט אויס, אַז מאיר געהערט אויך צו די, וואָס מ'האָט גערופֿן ביי נאַכט. נו, וועט ער אים פֿאַרטרעטן. מ'דאַרף היטן יידישע לעבנס, מ'דאַרף אָפּשרעקן די מערדערס, עס זאָל זיי פֿאַרגיין דער חשק. הונדערטער יידן, אַנגעהויפֿטע אין איין עפּנטלעכן אָרט, זענען אַ לאָקונג פֿאַר זייערע חיהשע אַפּעטיטן. מוז מען זיין וואַך. מען טאָר נישט פֿאַרפֿעלן קיין רגע... ער דערמאָנט זיך ווי פֿיל טעג און נעכט ער האָט מיט זיין פֿאָטער און עלטערע ברידער געהיט זיין געסל, אין דער מעללאַ, כדי צו פֿאַרשפּאַרן דעם וועג פֿאַר אַראַבישע כולי־גאַנעס, וואָס זענען געקומען רויבן, שענדן, שעכטן. נאָך גוט, וואָס פֿראַנצייזישע זעלנער זענען געקומען צו הילף, יענע ראַמאַדאַן־נאַכט, ווען נישט וואָלט דער חורבן געווען ווי גרויס... יידן האָבן שפּעטער זיך אָפּגעדינט די פֿראַנצויזן בעת די קאַמפֿן קעגן די אויפֿ־שטענדלער, און מער ווי איינעם געראַטעוועט פֿון אַן אַראַביש מעסער, אָדער גראַנאַט... זיין פֿאָטער און אַ שולפֿריינד האָבן טאַקע באַצאָלט מיטן לעבן בעת די ענדגילטיקע קאַמפֿן, אויף דער זייט פֿון די פֿראַנצויזן... און דאָס צוליב וואָס? וואָלטן די פֿראַנצויזן כאָטש עפּעס געהאַט דערפֿון; זיי האָבן סוף־סוף געמוזט בחרפּתם אַנטרינען מיט די בלויזע הויזן אין האַנט, און יידן — מיט דעם אויך נישט... אָבער דאָ? אַ שאָד, וואָס מ'האָט נאָר איין לעבן. ווי פֿיל לעבנס וואָלט ער אַוועקגעגעבן פֿאַר דער מדינה, פֿאָר דער מאַמע־מדינה...

ללכת שבי אחריך,
לנשום את השמש הצורב,
לחלום אותך מול שמיך,
לכאוב אותך ושוב להתאהב.

ער האָט זיך דערמאָנט דעם רעפֿרען פֿון אַ פּאָפּולער ליד פֿון

אילנית, וואָס איז אים געווען אַזוי שטאַרק צום האַרצן, און אונטער־געזונגען גייענדיק, צוקלאַפּנדיק צום טאַקט מיט די פינגער אינעם מעטאַלענעם קוילנגעסט פון זיין געווער.

שרונה האָט זיך קוים דערוואַרט דעם שפּראָץ פון פאַרטאָגס. דאָס וואַרטן האָט איר אָפּגענומען נישט נאָר דעם שלאָף, נאָר אַזוי צוגעשפּיצט אירע חושים, אַז דער קלענסטער רעש, דער ווינט צווישן דיביימער, כוואַליעס וואָס צעשלאָגן זיך אינעם שטיינערנעם ברעג קעגן איבער — האָבן געקלונגען ווי דער ווידערקול פון טריט, וואָס גייען, גייען און דערגייען נישט...

זי האָט געוואַרט אויף וויקטאָרן. אַזוי ווי זי האָט נישט געוואָלט, ביי טאָג, אַז ער זאָל קומען; פאַרקערט, זי האָט געטראַכט אים צו ווייזן די טיר, אַזוי איז, מיטן צופאַלן פון אָוונט, דער ווילן אים צו זען כסדר געשטיגן, און צוזאַמען מיט דער נאַכט — זיך פאַרוואַנדלט אין אַ ברענענדיקן באַגער, וואָס איז נישט צום באַהערשן, וואָס קאָן טרייבן ביז שגעון.

ב

דער רעש פון די קריגס־עראָפּלאַנען און פון שווער באַלאַ־דענע פּלאַטפאָרמעס האָט זי געטראָפן שטיין ביים פענצטער, קעגן איבער דעם הויפטוועג. זי האָט געעפנט די טיר, וואָס פירט צו דער רחבותדיקער טעראַסע, און געבליבן שטיין אָנגעשפּאַרט אין דער פראָנט־באַלוסטראַדע. אַ ווינט האָט זי אַרומגענומען, צעפּאָכעט די פליגל פון איר פּיזשאַמע, די צעפלאָכטענע האָר, און געשמיסן איר לייב ווי מיט ריטער.

„מאָביליזאַציע!" — איז זי באַפאַלן אַ געדאַנק, און אַ ציטער פון צופרידנקייט איז זיך פלוצעם צעגאַנגען איבער אַלע אירע אברים. „אפשר איז ער מאָביליזירט געוואָרן און דעריבער נישט געקומען?"

זי איז אַריין צו זיך, און דער געדאַנק האָט זיך פאַרוואַנדלט אין אַ זיכערקייט: „זיכער איז דאָס די סיבה, אָבער..."

אַ רעש פון אַ אויטאָ, וואָס דערנענטערט זיך, האָט זי ווידער אַרויסגעטריבן אויף דער טעראַסע. אַ מיליטערישער האַלב גע־פּאַנצערטער אויטאָ האָט געוואָרפן אַ מאָגערן שיין אויף ביידע זייטן וועג. פון הינטן האָט געסאַפּעט אַ שווערער לאַסטאויטאָ. אַזוי סאָפּעט וויקטאָרס אויטאָ, ווען ער פאָרט ליידיק קיין אַפיקים אויפלאָדן געהילץ, דיכטן און פאַרמאַיקע. „אפשר פאָרט ער נאָך סחורה, צו צעפירן צו די בויאונטערנעמערס און טישלערס אין גליל? אָבער פאַר וואָס אַזוי פרי? אפשר מיט אַ כוונה, כדי צו זען זיך מיט איר אונטערוועגס? אפשר קומט ער זיך געזעגענען, איידער ער גייט זיך שטעלן צום מאָביליזאַציע־פּונקט?"

געוועזן איז עס אַ ליידיקע פּלאַטפאָרמע, וואָס האָט זיך גע־שלעפּט שווער און פאַרסאָפּעט, אויס געוווינהייט, ווי זי וואָלט געטראָגן אין איר שויס דעם אומגעלומפּערטן שטאָלענעם משחית, וואָס באַרעכטיקט איר עקזיסטענץ.

„אָבער" — האָט זי פאַרענדיקט דעם איבערגעריסענעם זאַץ. „אָבער, ווען ער קומט צו איר אין אָוונט, וואָלט מען אים נישט גענומען, וואָלט ער געוועזן מיט איר איצט... קיינעם וואָלט נישט איינ־געפאַלן צו זוכן אים ביי איר. און זי וואָלט אים דאָ אויסבאַהאַלטן, ער זאָל גיין וואָס שפּעטער אויפן פראָנט..."

דער זייגער האָט געקלונגען זעקס. זי האָט אָנגעשטעלט דעם טראַנזיסטאָר צו הערן די נייעס. אַ חזן האָט געזאָגט צערעמאָניאַל די פרימאָרגן־תפילה. דערנאָך האָט אַ קינדערכאָר געזונגען אַדון עולם. אַ נייער שווינדל איז אַנטדעקט געוואָרן אין אַ גרויסער בוי־אונטערנעמונג. די אגד־אויטאָבוסן דראָען ווידער מיט סטרייק. געקומען קיין לוד אַ גרעסערע גרופּע עולים פון רוסלאַנד. יעדער צווייטער פון צווישן זיי איז געפאַלן מיטן פּנים צו דער ערד, זי געקושט און נישט געקאָנט זיך אָפּרייסן פון איר. „פון די ערשטע עולים", האָט זי געטראַכט, „איז זעלטן געווען ווער, וואָס זאָל נישט קושן די ערד. טאָ, וואָס וועט זיין מיט די ווייטערע גרופּעס?"... אַן אויסטערלישער פאַרקער־אומגליק אויפן כביש־גהה, דריי טויטע און זעקס פאַרוווּנדעטע. מענטשן פאַרן ווי משוגעים. עס קומען מער מענטשן אום אויף די וועגן, ווי אויף די פראָנטן... אַ נייע משוגעת פון דער חיה בצורת אדם, דעם אוגאַנדער דיקטאַטאָר; ער האָט אייגנהענטיק דערשטיקט צען פון זיינע פּאָליטישע קעגנער. אַ שאָד אַ קויל — האָט ער געזאָגט... אַ נייער סטרייק אין פּאָרט פון אַשדוד אין פּערספּעקטיוו, און אל־על לאָזט זיך הערן אין דעם זעלבן זין. די דיילות, די האָסטעסעס, וועלן מאָרגן מאַניפעסטירן פאַרן בית־הנשיא צוליב דעם נייעם אוניפאָרם, וואָס אל־על האָט אויף זיי

אויפגעצוווּנגען נישט באַראַטנדיק זיך צופריער מיט זיי וועגן דער פּאַרב. די פּילאָטן סאָלידאַריזירן זיך מיט זיי... „דאָס לאַנד איז אַ ווולקאַן" — האָט זי געטראַכט — „און זיי גלוסט זיך סטרייקן. משו־געגע הערשער אַרום אונדז, וואָס ווילן אונדז פּאַרטיליקן, און זיי ווילט זיך סטרייקן, ווי ישראל וואָלט געווען די שווייץ, דענעמאַרק, די פראַנצייזישע ריוויערע, אָדער פלאָרידע"...

און וועגן דער ידיעה, וואָס זי האָט אַזוי נייגעריק דערוואַרט — גאָרנישט. זי האָט געזוכט אויף אַנדערע כוואַליעס. אַ קאָמענטאַטאָר האָט גערעדט וועגן דעם שידוך־פלי צווישן ספּוטניק און אַפּאָללאָ, און אונטערגעשטראָכן, אַז אין דער צייט ווען אַמעריקעס פליען אין חלל איז לשם פאַרשצוועקן און לשם פּראָגרעס פון דער פּאַציפישער וויסנשאַפט, איז דאָס סאָוויעטישע פליען מיטן אויסשליסלעכן ציל צו פערפעקציאָנירן די טעכניק פון חלל־ראַקעטעס, צו קאָנען זייען וואָס מער פאַרניכטונג און הערשן אויף די חורבות פון אַ וועלט, אַ פּאַרפירטער...

זי האָט געכאַפּט אַן אַראַבישע סטאַציע. עס האָט זיך איר גע־דאַכט, אַז צווישן די אַראַבישע גאָרגל־ און כאָרבל־טענער, כאַפּט זיך אַריין, פון צייט צו צייט, דאָס וואָרט „מאָביליזאַציע" און דאָס וואָרט „איזראַאיל", מאָביליזאַציע און ישראל...

זי האָט צוגעשלאָסן די טיר, אַראָפּגעוואָרפן פון זיך די פּי־זשאַמע, און געלאָזט לויפן דאָס וואַסער אין דער וואַששיסל. איבער איר לינקער ברוסט און דיקן פלייש פון רעכטן אָרעם האָט זי באַ־מערקט בלאָע פלעקן — סימנים פון וויקטאָרס ליבע, געראַנגל אינעם שיפל, אָדער ביים אויטאָ... פירנדיק מיט וואַסער און זייף איבער זיי, האָט זי דערפילט אַ שאַרפן ווייטיק, בפרט אונטערן אַקסל. פונעם שפיגל, וואָס איבערן וואַסער־געשטעל, האָט אַראָפּגעקוקט צו איר וויקטאָר, וואָס זיין פאַרגרעסערט בילד איז געהאַנגען אויף דער וואַנט קעגן איבער, צוקאָפּנס פון בעט. ער האָט געקוקט צו איר

מיט זיינע אַרויסרופערישע אויגן, מיט זיינע צוקנדיקע באַקן־מוס־קלען און צעווילדעוועטע האָר, וואָס האָבן זיך געלאָקט איבערן שטערן און נעבן די אויערן, פֿאַרציענדיק זיך שפּיציק ביז די מויל־ווינקלען. זי האָט אים גערופֿן: „מיין סאַטיר״, און ער זי — „מיין פּרינצעסין״. זי האָט געקוקט אויף אים מיט טענות, געקלאַפּט מיט בעס דאָס וואַסער בעתן וואַשן, כדי צו באַשפּריצן דעם שפּיגל מיטן אָפּבילד ביז הויך אַרויף, איבערן שטערן.

אירע האָר האָט זי נישט געוואַשן. זי האָט געטראַכט, אַז זי וועט אָנטאָן היינט איר זשאַן־פּאַטו־שייטל, וואָס עמירם האָט איר גע־בראַכט פֿון פּאַריז, פֿון זיינס אַ מיליטערישער שליחות. וויקטאָר, וואָס האָט זי ליב געהאַט אין אירע אייגענע האָר, וועט דאָך סיי ווי נישט קומען היינט. זי פֿילט זיך בעסער אין שייטל. זי געפֿעלט זיך בעסער אין אים. זי וועט נעמען אין אָוונט אַ דוש, אינעם קוראָרט, און שיין אויפֿקעמען אירע לאַנגע האָר פֿאַר אים; אפֿשר קומט ער דאָך אין אָוונט?

זי האָט אָנגעטון איר ווייסן קאָסטיום, וואָס פּאַרט זיך אַזוי גוט מיט דעם שייטל, האָט שטאַרק איינגעצויגן דעם ברייטן און בלאָען לעדער־גאַרטל, כדי בולטער צו מאַכן איר בוזעם, וואָס נייטיקט זיך שטאַרק דערין. און איז אַרויס צו דער אַרבעט.

ג

דער ערשטער אגד־אויטאָבוס איז געווען כמעט ליידיק. אַ מניין עלטערע קורגעסט האָט פויל געשלעפּט די שווערע אברים, און געגענעצט. אַן עלטערע פּרוי מיט צעווייטיקטע גלידער האָט מען געהאָלפן אַרויסגיין פון אויטאָבוס. שרונה איז גיך געקומען מיט אַ פּאָטעל אויף רעדער און אונטערגעפירט זי אין אַנשטאַלט.

די אַלטיטשקע האָט געפרעגט: „עס איז אמת, אַז עס גרייט זיך ווידער אַ מלחמה?", און קוקנדיק מיט פּחד און דאַנק אינעם ליכ־טיקן פּנים פון שרונה, האָט זי צוגעגעבן — „מ'דאַרף זיי אַנלערנען איין מאָל פאַר אַלע מאָל, נישט אמת?"

„דאָ איז תמיד אָדער ערב־מלחמה, אָדער מלחמה ממש, אָדער נאָך מלחמה. און צווישן איין אָנלערנען און צווייטן — איז מאָבי־ליזאַציע", האָט שרונה געענטפערט מיט אַ טאָן פול מיט איראָניע.

„אַ לאַנד אַזאַ" — האָט איינער אונטערגעזיפצט — „אַ פאָלק אַזאַ".

„די הויפּטזאַך אָבער, צו לעבן מיטן גורל בשלום" — האָט געזאָגט אַ ייד מיט אַ קאַפּל אויפן קאָפּ, פאַרגלאָצנדיק די אויגן צום הימל.

„שלום מאַכן מיטן גורל" — האָט אונטערגעכאַפּט אַ הינקענ־דיקער קורגאַסט מיט אַ טאָן פון פּראָטעסט און אַ דייטשן אַקצענט — „און צוריקשלאָגן, לערנען דרך־ארץ און מורא האָבן פאַרן ייד. דאָ איז דערקלערט געוואָרן מלחמה די פּאַגראָמען, אַן ענדגילטיקע מלחמה דער מלחמה קעגן יידן". און זעענדיק ווי מ'האָרכט זיך צו

אים צו, האָט ער ממשיך געווען: „אָט, האָב איך געכאַפּט אַ קויל איז דער לינקער היפּט אין 1918, נו — צו וואָס האָט עס געדינט? אַז די נאַציס זאָלן מיר אויף דער עלטער טרייבן אין די לאַגערן ווי אַ הונט, און פאַרשרייען ווי אַ פּחדן. אָבער דאָ?... הלוואי בין איך יינגער, ווי איך גיב מיין צווייטע היפּט, כ׳לעבן״.

עס איז אָנגעפאָרן אַ דיפּלאָמאַטישער אויטאָ, מיט אַ פענדל פון איטאַליענישן גענעראַל־קאָנסולאַט פון ירושלים. עס איז אַרויס די פרוי פון קאָנסול. זי קומט אַהערצו רעגולער יעדעס יאָר, אין דער צייט. אינצווישן נעמט זי אַ קור אין אַבאַנאָ. זי זאָגט, אַז אויב אירע ביינער און שלעסער טראָגן זי נאָך, איז עס אין זכות פון די צוויי קורן, וואָס דערגענצן זיך. עמעץ האָט געוואָגט פרעגן — וועלכע פון זיי ווירקט בעסער, האָט זי געענטפערט דיפּלאָמאַטיש: די דריטע, דהיינו — די עוואַנגעליע, דער גלויבן. און זי האָט צוגעגעבן מיט אַ תּפילה־טאָן: „האָט דאָך דער כּינרת און דער ירדן עפּעס אַ נאָענטן שייכות מיט עוואַנגעליע, מיט אמונה״.

זי האָט געהאָלפן אונטערשטופּן דעם ראָדפּאָטעל מיט דער אַלטיטשקער, און אַ זאָג געטון האָפערדיק און מיט אַ שמייכל אויף איר ברייט פּנים: „טשאַ־אָ!״, און געפּאָכעט מיט דער האַנט: „שאַ—לאָם, טשאַ־לאָם, טשאַ—אָ—לאָם!״ זי איז געווען צופרידן פון איר דערפינדערישן סמיכות־־הפרשות צווישן דער איטאַליעני־נישער און יידישער באַגריסונג.

ווי פון אונטער דער ערד איז אויסגעוואַקסן אַן אַראַבער, אין אַ שוואַרצן און לאַנגן כאַלאַט, ביז די קנעכל, און אַ קעפיע אין קראַטן, פאַרפעסטיקט מיט אַ שוואַרצן בייגל אַרום קאָפּ, מיט אַ קינד אויף דער האַנט. ער איז געקומען צוליבן קינד. ער קומט פון עזה. דאָס קינד איז פאַראַליזירט. כּמעט פון געבוירן אָן. קומט ער עס היילן אין די היגע קוואַל־וואַסערן. דאָס איז זיין לעצט רעטונגברעט, זאָגט

ער. מוסטאַפאַ, דער עלעקטראָטעכניקער פון נצרת, וואָס אַרבעט דאָ זייט צוויי חדשים, איז געקומען איבערזעצן און בעטן, אַז מ׳זאָל מאַכן אַן אויסנאַם און דערלויבן דעם קינד צו באָדן זיך אין די היגע וואַסערן, הגם עס האָט נאָר אַ העלפט פון די יאָרן, וואָס די תקנות זעען פאָרויס. דער אַראַבער האָט געוויינט מיט ביטערע און ספּאַזמאַטישע טרערן. ער קומט ספּעציעל פון אַזוי ווייט. געלייגט הוצאות...

שרונה האָט אַרויסגערופן דר. דניאל, דעם קור־רופא. ער האָט געגעבן אַן אויסנאַם־דערלויבעניש.

נישט אַלע זענען געווען צופרידן פון באַשלוס. אַ פרוי, אַן אַלטע קוראיינגייערין, האָט געברומט אונטער דער נאָז: „ביי אונדזער דאָקטער האָט אַן אַראַבער אויך פּראָטעקציע״. און דער הינקענדיקער, מיטן דייטשן אַקצענט, האָט צוגעגעבן מיט תרעומות: „מ׳וועט אים געזונט מאַכן, און ווען ער וועט אונטערוואַקסן, וועט ער קומען שעכטן יידן, יידישע שולקינדער. נישטאָ קיין דאַנקבאַרקייט ביי זיי...״

עס האָבן זיך דערהערט עטלעכע אויפרייסן, גאָר הויך און ווייט. די פענצטער האָבן זיך צעציטערט. אַלע קעפּ האָבן זיך געוואָנדן צום תכלת וואָס איבערן כינרת: איינער האָט געזאָגט מבינות: „אַ סופּערסאָנישער עראָפּלאַן, דאָס איז דער קנאַל פון די גאָר שנעלע לופטמאַשינען, ווען זיי שטייגן אַריבער די גיכקייט פון קול״. ווען עס האָט זיך דערהערט דער אויסקלאַנג־קנאַל, האָבן עס עטלעכע קור־געסט באַשטעטיקט.

עס האָבן זיך ווידער באַוויזן שיפלעך אויפן כינרת. פישערס האָבן געצויגן די פאַרלייגטע נעצן פון נעכטן אָוונט, אָדער פאַרלייגט נייע. די זון האָט זיך געפּלאָנטערט צווישן די שיפלעך, צווישן דעם געשטריק און געאויג פון די נעצן און אָנגעזאָגט אַ שפּעדיקן פאַנג.

אַ האַלב געפּאַנצערטער אויטאָ איז געפאָרן פויל און מיט רעש: מיט אַ כוונה אָדער צוליב אַ דעפעקט אין דער מאַשין? שרונה איז גיך אויסגעוואָקסן נעבן דעם שאָפער־פענצטער, און אונטערשפּרינ־

גענדיק דערלאַנגט אַ פלאַש מיט אַ קאַלטן און קאַלירטן געטראַנק. דער חייל האָט געדאַנקט, געוואָרפן לופטקושן. און ווען ער האָט אַוועקגעוואָרפן די פלאַש אַ ליידיקע, האָט דער מאָטאָר גענומען יאָגן, און דער וואָגן איז גיך פאַרשוווּנדן, איידער זי האָט באַוויזן צו שטעלן פראַגן. זעט אויס, אַז דער דעפעקט איז נישט געווען אין דער מאַשין, נאָר אין אָנטרייבער.

געקומען נאָך אַן אויטאָבוס מיט קורגעסט. געווען צווישן זיי אַזעלכע, וואָס האָבן געוווּסט בולט, ווי זיי וואָלטן געהאַט די ידיעה דירעקט פון קריגס־מיניסטעריום, אַז די באַוועגונג פון מיליטער און געווער איז נישט מער ווי אָפּצושרעקן דעם שונא, אויף יענער זייט גולן, צו פאַריאָגן ביי אים דעם אַפּעטיט פון באַנייטע אַוואַנטורעס.

אַ חייל, וואָס האָט שווער געשלעפּט זיין פּראָטעזע־פוס, האָט מסכים געווען מיט זיי, און איז אַוועק אינעם טערקישן הייזל, זיך איבערגעבן אין די עקספּערימענטירטע הענט פון די באַחנטע פיזיאָ־טעראַפּיסטינס.

ד

שרונה איז אַריין צו זיך אין ביוראָ־צימער, וואָס האָט זיך געפונען ביי אַ זייט פון גרויסן וואַרטזאַל, נעבן דער פרויען־אָפּטיילונג פון אַנשטאַלט. זי האָט זיך אַוועקגעזעצט אַ מידע, אַ דערשעפּטע. אויפן טיש זענען געלעגן עטלעכע בריוו, וואָס האָבן געוואַרט אויף תשובה, וועגן קור־אינפאָרמאַציע, וועגן רעזערוואַציעס, און העפּלעכקייטס־קאָרעספּאָנדענץ. געווען אויך עטלעכע בריוו, וואָס די פּרימאָרגן־פּאָסט האָט געבראַכט. זי האָט געזוכט מיט פּיבערדיקע פינגער אַ בריוו פון וויקטאָרן. אפשר האָט ער גאָר באַשלאָסן צו שרייבן צו איר, זיך געזעגענען, זיך אַנטשולדיקן, בעטן אָדער געבן אויפקלערונגען, אָדער בעטן אַ ברכה אין אָנבליק פון פראָנט־אַנטוויקלונגען. אָבער ניין. אָנשטאָט זיין האַנטשריפט, האָט זי געפונען די געציקלטע אותיות, מיט דער זעלבער אַנאָנימער פרויענהאַנט, וואָס דראָט מיט גיהנום און כל־מיני אויסטערלישקייטן, אויב זי וועט זיך נישט אָפּזאָגן פון וויקטאָרן, דעם אויסוואורף, דעם פּרא־אָדם, וואָס האָט אין יעדער שטאָט, אין יעדן קיבוץ, אַן אַנדער ווייב, אַ געליבטע, און מאַכט זיי אַלע אומגליקלעך. ווי קאָן אַ פרוי נישט ווערן נמאס צו שרייבן יעדן טאָג די זעלבע בריוו און דעם זעלבן תוכן? זי האָט דעם בריוו נישט געעפנט נאָר צעריסן אויף פּיצלעך, און אַריינגעוואָרפן אין קאָרב.

אויף דער וואַנט איז געהאַנגען דאָס בילד פון עמירם, אין מיליטערישע בגדים, ווי אַן אָפיציר־פּילאָט, און זי נעבן אים. מיט איין

האָט נעמט ער זי אַרום און אין דער צווייטער האַלט ער דעם שטאַ־לענעם הוט, איידער ער גייט אַריין אין עראָפּלאַן. דאָס איז געווען דעמאָלט, ווען ער האָט געהאַט געענדיקט מיט אַן אויסצייכענונג די פּילאָטן־שולע, און געשטיגן אין גראַד. זי האָט דעמאָלט פאַרבראַכט אין אַ האָטעל, אין אַ שכנותדיקן שטעטל, און געווען מיט אים יעדע פרייע מינוט, צווישן איין פלי און אַנדערן. זי שטייט נעבן אים אַ ציטערדיקע און דערשראָקענע; לעבט אין שרעק, עס זאָל מיט אים חלילה נישט געשען אַן אומגליק אין דער לופטן. זי האָט קיין מאָל נישט שלום געמאַכט מיטן געדאַנק, אַז ער זאָל זיין אַ פליער און איינשטעלן זיין לעבן. ער איז פאַר איר אַלץ, וואָס זי פאַרמאָגט אין דער וועלט. איר איינציקער ברודער, וואָס האָט זיך געראַטעוועט אין די וועלדער, איז געפאַלן אין סיני, בעת דער זעקסטאָגיקער מלחמה.

זי האָט מורא פאַר דער הייך, פאַר דער לופט, פאַרן חלל. עס שטייט איר תמיד פאַר די אויגן דאָס בילד פון איר פאָטער, וואָס די רוצחישע פּאָליאַקן שליידערן אַרויס פון פענצטער, פון צווייטן שטאָק, צוזאַמען מיט אַנדערע יידן. געווען איז עס שוין נאָך דער באַפרייאונג. איר מוטער איז נישט צוריקגעקומען פון די קאַצעטן.

תמיד, ווען זי האָט זיך באַגעגנט מיט אים, מיט עמירמען, אָדער ווען זי האָט געטראַכט, אַז ער געפינט זיך אין דער לופטן — האָט זי געזען איר פאָטער, ווי ער פאַלט פון פענצטער אויפן האַרטן ברוק. זי איז דעמאָלט אַלט געווען זיבן־אַכט יאָר, און געווען קראַנק און נערוועיש, און אומגליקלעך.

אין אָנהייב, ווען זי האָט זיך באַגעגנט מיט עמירמען, בעת זיין פּאַראַשוטיסטן־קורס, זענען אַלע קאָשמאַרן געווען אַוועק. זי האָט געמיינט, אַז זיי וועלן זיך קיין מאָל נישט מער אומקערן. עס איז גע־ווען אַזוי גוט, אַזוי גוט, אַזוי גוט.

זי איז דעמאָלט געווען אַ פלעגשוועסטער אין מגן־דוד אדום.

איז זי געוואָרן צוגעטיילט צו אַן אַמבולאַנס, וואָס איז געווען באַ־שטימט צו באַדינען אַ גרופּע, וועלכע האָט דורכגעמאַכט אַ קורס פון פּאַראַשוטיסטן, נעבן אַ מיליטערישן איבונג־לאַגער, אין אייבער־שטן גליל. איז זי געקומען פּרימאָרגנס, און אומגעקערט זיך ווען די שפּרונג־סעאַנסן האָבן זיך געענדיקט. נעבן אַמבולאַנס פלעגט זי אַוועקשטעלן אַ קליינעם געצעלט מיט אַ פעלדבעטל, אין פאַל ווען עס נייטיקט זיך צו דערלאַנגען ערשטע הילף.

אין איין שיינעם טאָג, האָט זיך געשטעלט אין איינגאַנג פון גע־צעלט אַ פּאַראַשוטיסט, מיט ווילדע האָר, בלאָע אויגן, אַ צעוווייטיקט פּנים, און אַ צעבלוטיקטן פינגער. זי האָט אים אַוועקגעזעצט, דער־לאַנגט אים אַ באַרואיקונג־מיטל, און גענומען רייניקן זיין ווונד. דאָס שאַרפע דעזינפעקציע־מיטל האָט אַרויסגערופן ביי אים אַ טיפן זיפץ, וואָס האָט זי דורכגענומען, ווי דער פינגער וואָלט געהערט איר.

„זאָל מיר זיין פאַר דיר" — האָט זי געזאָגט מיט אַ קול פון אויפריכטיקן צער.

„מ'זעט, אַז דיין פאַך אַנטשפּרעכט דיין נאַטור. די גוטסקייט קוקט דיר אַראָפּ פון פּנים און פון די אויגן, אחות" — האָט ער געענטפערט. און צוגעגעבן נאָך אַ ווייל .„הגם עס זעען זיך אין זיי אויך שפּורן פון טרויער".

זי האָט אָפּגעזיפצט און באַמיט זיך אַרויפצוציען אַ שמייכל אויפן פּנים.

„ווי הייסטו, די שענסטע צווישן די פלעגערינס ?" — האָט ער געפרעגט.

אַ היץ האָט איר אַ שלאָג געטון אין קאָפּ, צעפינטלט אירע אויגן, און געמאַכט טרייסלען אירע ליפּן.

„מיין נאָמען איז עמירם" — האָט ער געזאָגט. „און דיינער, גוטינקע אחות ?"

זי האָט געענדיקט באַנדאַזשירן דעם פינגער. „מיין נאָמען איז שרה. אָבער דאָ רופט מען מיך שרונה".

„שרה איז אַלטמאָדיש. שרונה איז שענער, פיל שענער, קלינ־געוודיקער. אויב מען וויל, איז עס אויך שרה, אָבער פאַראַן מער מו־זיק אינעם קלאַנג, מער פּאָעזיע; שאַ־רו־רו־נה, רונה" — און אונ־טערזינגענדיק און שפּרינגענדיק איז ער אַרויס פון געצעלט.

„קום מאָרגן, צו בייטן דעם באַנדאַזש!" — האָט זי אים נאָכ־געשריגן.

ער האָט זיך אומגעקערט, איר אַ קוש געטון אין שטערן, און איז אַרויסגעלאָפן צושטימענדיק צו איר בקשה.

„פּאַס אויף, עמירם!" — איז זי אים נאָכגעלאָפן אַ פּאָר שפּאַן מיט אַ געבעט: „גיב אַכטונג בעתן שפּרינגען. היט זיך. זיי מצליח, עמירם."

צו מאָרגנס האָט ער געוואַרט אויף איר באַלד אין דער פרי. ער האָט איר געהאָלפן אויפשטעלן דאָס געצעלט און אָוועקשטעלן דאָס פעלדבעטל.

זי האָט איבערבאַנדאַזשירט זיין פינגער, צוגעלייגט אַ זאַלב. זי האָט אַרויפגעצויגן אַ לעדערנעם און אויסגעפּוטערטן פינגערשייד, כדי דער פינגער זאָל נישט באַשעדיקט ווערן בעת די איבונגען. ביים אָוועקגיין האָט ער אַ קוש געטון אירע ליפּן.

דעם דריטן טאָג האָט ער ווידער געוואַרט אויף איר. ער האָט איר געבראַכט בלומען, וואָס ער האָט פאַרטאָגס אָפּגעריסן אין פעלד, מיט אַ ספּעציעלער כוונה. דער טוי רוט נאָך אויף זיי. זי האָט אים איבערגעבונדן דעם פינגער. דאָס מאָל האָט ער ווידער צוגעשטעלט זיינע ליפּן צו אירע, און עס האָט געדויערט לאַנג ביז ער האָט זיי אָוועקגענומען.

דעם פערטן טאָג האָט זי אים געלאָזן בלויז אַ קליינעם פּלאַס־טער־באַנדאַזש. ער האָט זי פעסט צוגעדריקט צו זיך. זי האָט אַרויפ־געצויגן דעם לעדערנעם פינגערשייד, כדי ער זאָל האָבן אַ פּרע־טעקסט ווידער צו קומען, פאַר זיין שעף.

שפּעטער, איז זי געבליבן לענגער ווי זי האָט באַדאַרפט. נישט אַהיימגעאײַלט זיך מיטן אַמבולאַנס. און עמירם האָט זיך נישט געאײַלט צוריק אין זײַן אײנהײט.

און, ווען ער איז געקומען זיך געזעגענען, ווײַל דער פּאַראַשוטיסטן־קורס האָט זיך פאַרענדיקט, האָבן זײ זיך נישט געקאָנט פונאַנדערגײן. ער האָט איר געזאָגט, אַז ער דאַרף איבערגעשיקט ווערן אין נגב, צו אַ קורס פון פּילאָטן, ווי אַ קאַמפּס־פּילאָט.

„פּילאָטן?" — האָט זי געפרעגט מיט שרעק, און אַלע אבֿרים האָבן גענומען בײַ איר ציטערן. „ניין, עמירם" — האָט זי געבעטן בײַ אים. „איך וויל נישט, עמירם. נישט קײן טײס. אַלץ, נאָר נישט קײן קאַמפּס־פּילאָט. פּאַראַשוטיסט איז שוין פאַר מיר אויך צו פיל. אָבער בשום אופן נישט קײן פליער. איך בעט דיך, עמירם. זאָג מיר צו, עמירם".

ער האָט עפּעס געזאָגט, אונטערברומענדיק. זי האָט נישט געגנוי פאַרשטאַנען. ער האָט אַרומגענומען איר דינע טאַליע, צוגעדריקט פעסט איר פּאַרנט צו זײַנעם, צעביסן אירע ליפּן ביז בלוט, און צוגעזאָגט צו שרײַבן. צוגעזאָגט צו קומען ווען נאָר מעגלעך.

ה

פון דער פרויען־אָפּטיילונג איז פּלוצעם דערגאַנגען צו איר אַ טומל. אַ פרוי איז אַוועקגעפאַלן בעתן נעמען אַ באָד. מ׳האָט גערופן דעם דאָקטער. שרונה איז אַריין אין רוצימער, וווהין מ׳האָט זי געבראַכט, און גענומען פּאַטשן די באַקן פון דער געחלשטער, רייבן די געגנט פון האַרץ, זוכנדיק אַן אָרט פאַר איר דאַרער האַנט צווישן די צעשוואָמענע ברוסט־לאַבנס. אַ באַדינערין האָט געבראַכט וואַלעריאַן־טראָפּנס און געגאָסן צווישן די פאַרהאַקטע ציין פון דער פרוי.

דער דאָקטער האָט אָפּגעשטופּט די האַנט פונעם מיידל. ער האָט געהייסן צעטרייבן די אַרומשטייענדיקע מענטשן, עפענען ברייט די טיר און דאָס דערנעבנדיקע פענצטער אין גאַס אַריין. ער האָט געהייסן שרונהן פאַרציען דעם אָרעם איבערן עלנבויגן, און האָט אַריינגעשפּריצט אַ רפואה דירעקט אין אָדער. ער האָט באַמערקט אַ נומער פון זעקס ציפערן אויף איר פאָראָרעם, אונטער דער נאָדל. ער האָט טיף אָפּגעזיפצט און געטראָפן זיך מיטן בליק פון שרונה.

ביי דער פאַרחלשטער האָט גענומען דאָס לעבן זיך אומקערן צו ביסלעך צו איר פּנים, צו איר מויל, צו אירע אויגן.

„ווו בין איך?‟ — האָט זי אַ פרעג געטון אַ דערשראָקענע „וואָס איז מיט מיר?‟

„איצטער איז שוין גוט, שוין גוט‟ — האָט געזאָגט דער דאָקטער, און שרונה האָט צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ, צוזעצנדיק זיך אויפן ראַנד פון בעטל.

די פרוי האָט געגומען אָטעמען מיט אַ פולער ברוסט, זיך אָנ־געכאַפּט אין שרונהס אַקסל און זיך אויפגעזעצט. זי האָט געזאָגט, אַז זייענדיק אין באָד, האָט זי פּלוצעם באַמערקט ווי די נומערן קריכן אַראָפּ פון איר אָרעם און שווימען אַרום, רינגלען זי אַרום, פאַר־קריכן אין האַלדז, ריזיקע, אַנגעבלאָזענע, צעדרייטע ציפערן; און זיי שטיקן, נעמען אָפּ דעם אָטעם, פאַרקלעמען דאָס האַרץ. האָט זי געגומען שרייען, אַז זי גייט אויס, אַז זי קומט אום...

„קאָשמאַרן" — האָט דער דאָקטער זי באַרואיקט — „די לאַגערן קריכן נאָך תמיד אַרויס. די נייע צרות, די אומזיכערע לאַגע, און די טאַנקען, די מלחמה־שטימונג, רופן אַרויס די לאַגער־יאָרן פון פאַר־געסעניש, שאַפן אַסאָציאַציעס. קיין חידוש נישט, אַז דער דור השואה ברעכט זיך טייל מאָל צוזאַמען, נישט קיין חידוש..."

יעל, פון דער קאַפעטעריאַ, האָט געבראַכט שוואַרצע קאַפע, גוט געצוקערטע, און שרונה האָט זי איר דערלאַנגט מיט אַ לע־פעלע. דערנאָך האָט זי איר געהאָלפן זיך אָנטון.

שרונה איז אַריין צוריק צו זיך אין ביוראָ. זי האָט אויך געהאַט איבערלעבענישן פון יענע צייטן. כאָטש זי איז נאָך דעמאָלט גע־ווען אַ קליין קינד. ווען עס האָבן זיך אָנגעהויבן די „אַקציעס" אין געטאָ, האָט איר מוטער באַוויזן זי אַרויסצושמוגלען אויף יענער זייט, דורך אַ פאָלקסדויטש, צו זאָשקען, זייער באַדינערין און ווערשין. זי האָט איר געגעבן אַ שריפטלעכע התחייבות, אַז אויב דאָס קינד וועט בלייבן לעבן, און אויב עמעץ פון דער נאָענטער משפחה וועט זי קומען אָפּנעמען — וועט זי, זאָשקע, באַקומען דערפאַר דאָס גרויסע הויז זייערס, וואָס אין מאַרק. איז, אַזוי ווי זאָשקע האָט זיי פריער באַדינט, אַזוי האָט זי, שרונה, געמוזט זי באַדינען איצטער, זי און אירע קינדער. געמוזט רייבן דעם דיל, אַראָפּטראָגן דעם פּאָמעשאָף, רייניקן דעם אָפּטריט, די טרעפּ. זי האָט אויך געמוזט גיין גנבענען אין די קלייטן אַ קאַרטאָפל, אַ מערל, אַ שלאַטן־בלאַט, אָדער

אַרויסרייסן אַ ציבעלע, אַ רעטעך ,אַ צוויקל פון אַ פרעמדן גאָרטן, אָדער אָפּרייסן אַן עפּל, אַ באַרנע פון פרעמדעביימער. נישט איין מאָל האָט מען זי געכאַפּט ביי דער האַנט און גוט צעשלאָגן, גע־לאָזן בלאָע סימנים אויפן לייב. האָט זי נישט געוואָלט אויספירן דעם באַפעל, האָט מען איר געדראָט מיט מסירה, מ׳וועט זי אַרויסגעבן צו די טייוולאָנים, וואָס פרעסן יידישע קינדער, אָדער צו די וואָס צווינגען צום שמד און פאַרמאַכן אַזעלכע קינדער אין קלויסטערס, אין די קעלערס פון קירכעס... תמיד, ווען זי האָט געזען אַ בייזן מענטש אין גאַס, האָט זי געטראַכט, אַז דאָס איז אַ פרעסער פון יידישע קינדער. ווען זי האָט געזען אַ גלח, אַ מענטש אין אַ לאַנגער סוטאַנע, האָט זי געטראַכט, אַז ער זוכט זי און גייט זי פאַרמאַכן אין אַ קלויסטער־קעלער, זי מאַכן אויס יידיש קינד... און וויפל קלעפּ און שמיץ זי האָט באַקומען! און באָרוועס איז זי געגאַנגען אין די גרעס־טע פרעסט, אין אַ דין צעריסן קלײדל, געשלאָפן אויף פייכטן שטרוי אין קעלער־שטיבל...

און, ווען דער פאָטער איז זי געקומען אָפּנעמען, האָט זיך אָנ־געהויבן אַ נייע צרה. אַזוי ווי דאָס הויז אין מאַרק איז געוואָרן נאַ־ציאָנאַליזירט און עס האָט זיך אין אים אַריינגעצויגן די פּאָסט, האָט די התחייבות פון אירע עלטערן נישט געהאַט מער קיין שום ווערט. און היות ווי דער פאָטער האָט נישט געהאַט קיין גראָשן ביי דער נשמה זי אויסצוקויפן — האָט זאָשקע זי אויסבאַהאַלטן, נישט גע־וואָלט זי צוריקגעבן דעם פאָטער, ביז ער וועט נישט געפינען דאָס נייטיקע געלט, דעם ווערט פונעם הויז. האָט זי געלעבט לאַנגע חדשים אין קעלערס, אין באַהעלטענישן, ביי פאַרשידענע מענטשן, אין פאַר־שידענע טיילן פון שטאָט, אין דערפער. ווו געטאָגט נישט געגעב־טיקט. און ראָטן געווען אומעטום. און נישט דערעסן. זי איז געווען זיכער, אַז זי וועט שוין מער נישט זען דעם שיין פון טאָג, נישט זען מער איר פאָטער...

און, ווען די יידישע אַגענץ האָט זי סוף־סוף אויסגעלייזט, דורכ־

געקומען מיט זאָשקען, און זי האָט זיך פאַראייניקט מיטן פּאָטער — איז געקומען די גרויסע טראַגעדיע, דער פּאָגראָם, און איר פּאָטער איז אַרויסגעשליידערט געוואָרן דורכן פענצטער, פון צווייטן שטאָק...

דערנאָך — עלית הנוער, ציפערן, קיבוץ, שולע, פלעגע־קורס, מגן דוד אדום, עמירם, עמירם, עמירם...

זי האָט מעכאַניש אויפגעדרייט דעם טראַנזיסטאָר. דאָס איז געווען אַ מתנה פון אים, פון עמירמען. ער האָט איר געבראַכט אַ מעטאַלענעם ראַדיאָ־אַפּאַראַטל, מיט וועלכן מען באַנוצט זיך אין דער לופטאַרמיי. ער האָט געוואָלט זיך אויסקויפן די זינד, הלמאי ער טוט איר נישט צוליב, און פאַרלאָזט נישט דעם חיל־האוויר. ער האָט אַלץ געטון איר צו געפעלן, אַחוץ איר פאַרלאַנג צו פאַרלאָזן זיין „פּאַנטאָם". אויף דעם איז ער נישט געווען פעיק, בשום אופן נישט געווען פעיק.

זי האָט געדרייט פיבערדיק דאָס רעדל פון די כוואַליעס, אַריבער פון איין סטאַציע צו דער צווייטער, פון איין שפּראַך צו דער צווייטער, און געזוכט אַן ענטפער צו דער פראַגע — פאַר וואָס וויקטאָר איז נישט געקומען צו איר? זי האָט געזוכט אַ באַשטעטיקונג צו דער השערה, אַז מ'האָט אים גערופן צום מיליטער, אַז די לאַגע איז גאָר געשפּאַנט, און ישראל האָט מאָביליזירט, גראָד דעמאָלט ווען וויקטאָר האָט געדאַרפט קומען צו איר.

I

אין גרויסן וואַרטזאַל האָט זיך געשטעלט אַ רעש. עס איז גע־קומען אַ גרעסערע גרופּע טוריסטן־פּילגרימען. טבריה און די הייליקע מקומות אין דער געגנט זענען אין זייער פּראָגראַם. איידער זיי וועלן זיך לאָזן אין די פּוסטריט פון זייער דערלייזער, וואָס האָט דאָ זיין יוגנט פאַרבראַכט, און אַרום כינרת געוועבט זיינע פּאָעטיש־נביאישע וויזיעס פאַר די פישערס און פּראָסטן פאָלק פון דער סביבה, ווילן זיי זיך טובלען אין די היגע קוואַל־וואַסערן.

הלמאַי די אַפּאָסטאָלן און עוואַנגעליסטן האָבן נישט אַריינגענומען חמי־טבריה אין דער רשימה פון די ניסימדיקע אויפטוען פון דעם, וואָס זיי האָבן פאַרוואַנדלט אין אַן אָפּגאָט? לויט די לעגענדע־מאַכערס, איז ער דאָך געווען אויך אַ ניסימדיקער היילער פון קרעצי־קע, געליימטע, דערשלאָגענע. אפשר, מחמת דעם וואָס עס האָט אויסגעכאַפּט די בכורה רבי מאיר, וואָס האָט געהיילט מיט דער הילף פון די היגע קוואַלבעדער, און איז געקרוינט געוואָרן ווי אַ בעל־נס? יעדן פאַלס, די וואָס האָבן געוואָלט שאַפן אַ פאַרשטעלונג וועגן אים, נישט אַזוי ווי ער איז געווען, נאָר אַזוי ווי זיי ווילן, אַז ער זאָל זיין — האָבן געבויט אויפן מיסטישן כוח פון איבערנאַטירלעכן, לויט די נשמה־באַדערפענישן פון דעם, וואָס גלייבט. אין דער צייט, ווען דאָס היילן מיט די קוואַל־וואַסערן איז געווען גיכער אַ נאַטירלעכע זאַך...

פאַר די פּילגרימען איז געמאַכט געוואָרן אַ ספּעציעלער פּרייז, אַ דאָלאַר — אַ באָד. די מצווה איז ווערט געווען אַ סך מער!

דער טומל איז אויסגעבראָכן צוליב דער זיכערקייט־לאַגע. זייער

אויטאָבוס האָט געקרייצט אונטערוועגס מיליטער און טאַנקען — איז זיי באַפאַלן אַ מורא. אַ גרויסער טייל פון זיי האָט געוואָלט מוותר זיין אויפן באַזוך פון די הייליקטימער אין דער געגנט. דער גלח, וואָס האָט אָנגעפירט מיט דער גרופּע, איז יאָ געווען דערפּאַר. „גאָט וועט נישט פאַרלאָזן, געקומען פון אַזוי ווייט, וואָלט געווען אַ זינד נישט צו באַזוכן נצרת, כפר כנה, טבחה, כפר־נחום, דעם באַרג פון לייט־זעליקייט. עס וואָלט געווען אַ בפירושער חטא״.

געווען איינער, וואָס האָט געשריגן הויך און בייז: „אַז גאָט ברענגט פייער און בלוטבאַד אויף דער הייליקער ערד, דאַרף מען נישט באַזוכן זיינע הייליקטימער״.

„אין נאָמען פון געקרייציקטן, נישט געלעסטערט, נישט געלעס־טערט!״ — האָט דער גלח געבעטן און געדראָט מיט אַ שטראָפנדיקן פינגער.

אַן עלטערע פרוי, מיט אַ באַוואָקסן פּנים און אַ קול פון אַ מאַן, האָט צוגעגעבן: „אויב די תפילות וועלן נישט העלפן און דאָס פייער וועט דאָ ווייטער פלאַקערן, וועט מען, האָב איך מורא, נישט נאָר נישט באַזוכן להבא די הייליקע ערטער, נאָר מ׳וועט מוזן רעווידירן בכלל די אַלטע באַגריפן פון הייליקייט״.

„אין נאָמען פון געקרייציקטן, נישט געלעסטערט, ברידער און שוועסטערס, אין נאָמען פון געקרייציקטן״.

„געקרייציקטער אַהין, געקרייציקטער אַהער, אין נאָמען פון געקרייציקטן... אין אַ וועלט, ווו רעליגיע, מאָראַל, און געדאַנקלעכע אַקראָבאַטיק דינען נישט מער ווי אַן אַליבי פאַר געמיינהייט, פעל־שונג, באַרבאַריי און פאַר עגאָיסטישע פּאָליטישע מאַנעוורעס, קאָן — זייט מיר מוחל, מיסטער רעווערענד — דער נאָמען פון איין גע־קרייציקטן נישט זיין מער קיין רעפערענץ״... האָט זיך אויפגעריסן פון זיין אָרט אַ קורגאַסט, אַ יונגער מענטש, מיט אַ פּראָפעסאָרישן אויס־זען, וואָס האָט געוואַרט אויף זיין ריי צו די בעדער. ער האָט פאַר־ריכט די שווערע ברילן, וואָס האָבן זיך אַראָפּגעלאָזן כמעט ביז דעם

שפּיץ פון דער נאָז, האָט אַ צי געטון ביי זיין שפּיציק און גוט געפּלעגט בערדל, און מיט אַ פעסטער שטים, ווי ער וואָלט וועלן איבערצייגן טראַציקע תּלמידים, ממשיך געווען: „די מאַרטיראָלאָגיע פון אַ יחיד מאַכט נישט מער קיין רושם, מיסטער רעוועריענד. דאָ איז אַ גאַנץ פאָלק אַ געקרייציקטס... זיין געשיכטע איז איין גרויסע קייט פון קרייציקונגען, און ביז צום היינטיקן טאָג... איר קאָנט נישט פאַרגעסן דאָס מאַרטירערטום פון יענעם אויסנאַם־יידן פון מיט צוויי טויזנט יאָר צוריק; אָבער איר האָט פאַרגעסן די אומשולדיקע קרבנות פון כל־מיני אינקוויזיציעס און פּאָגראָמען, און פון — אוישוויץ, יאָ — די זעקס מיליאָן אומשולדיק געקרייציקטע קרבנות, אָט ערשט, פאַר אונדזערע אָלעמענס אויגן, האָט איר פאַרגעסן... און פאַרגעסן האָט איר, אַז אָפט האָט מען אונדז געקרייציקט אין נאָמען פון אייער געקרייציקטן..."

ער האָט איבערגעריסן, פאַרריכט די ברילן, אַ צי געטון ביים בערדל, און זיך צוריקגעזעצט. דער גלח איז געשטאַנען מיט אַן אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ און געמורמלט צו זיך אַ שטילע תּפילה פול מיט הכנעה. די פּילגרימען האָבן געקוקט אַ מאָל צום דיל, אַ מאָל צום ייד מיטן בערדל, אַ מאָל — צום גלח, זיך געפילט ווי שולדיק.

זיי וואָלטן אַזוי געשטאַנען ווער ווייסט ווי לאַנג, ווען עס דערהערט זיך נישט פּלוצעם אַ הייטער קול, מיט אַ שמץ פון איראָניע, וואָס האָט צוריקגעפירט דעם שמועס צו דער אָנהייב־טעמע: „איך האָב סתם מורא. איך בין אַזוי הויך, מיט אַ קאָפּ העכער פון אייך אַלעמען, און די ערשטע קויל קאָן מיך דווקא טרעפן, אָן לצנות!"

„און וואָס זאָל איך זאָגן?" — האָט געפרעגט אַ דיקע, צעשוווימענע פרוי, מיט אַ פּנים ווי ביי אַ קינד — „איך בין ברייטער, ווי איר הויך, און די אַראַבער שיסן אויך אין דער ברייט..."

עס האָט זיך געשאַפן אַ הייטערע שטימונג. אַלע האָבן געלאַכט. טייל האָבן זיך ממש נישט געקאָנט באַהערשן. און דער גלח האָט כּסדר איבערגעחזרט: „נישט לעסטערן, נישט לעסטערן".

ווען שרונה איז אַרויס צו זיי, האָבן זיך די געמיטער געשטילט. די זון האָט געשיינט גראָד אין דער ריזיקער שויב, ביים איינגאַנג פון זאַל, און געזייט גאָלד און זילבער איבערן צעשטראַלטן חלל.

שרונה, אין איר ווייסן קאָסטיום, מיט איר בלאַס פּנים, און זונ-שטראַלן אין און איבער איר שייטל, האָט אויסגעזען ווי אַ הייליקע אויף די קירכע־בילדער, מיט אַ זוניקן אָרעאָל אויפן קאָפּ.

אַלעמענס אויגן האָבן זיך געוואָנדן צו איר, אויף איר, ווי אויף עפּעס אַ ווונדער. עטלעכע פרומע פינגער האָבן זיך געצלמט.

„איך האָב געהערט אייערע טענות" — האָט זי געזאָגט אין אַ קאָרעקטן ענגליש. „איר זייט אַלע גערעכט. און וואָס שייך די וועל־כע שרעקן זיך, איז עס מענטשלעך, און מ׳קאָן זיי גאָרנישט פאַר־וואַרפן. הגם מ׳קוקט אויף ישראל, ווי אויף אַ לאַנד פון סאַמע העלדן, זענען פאַראַן אויך דאָ מענטשן, וואָס לעבן אין שרעק, בפרט די, וועלכע האָבן דורכגעמאַכט אוישוויץ..."

ביי דעם וואָרט האָבן אַ סך אָפּגעזיפצט טיף, און טייל האָבן בייז אונטערגעברומט, ווי אַ סימן פון פּראָטעסט און מיטלייד.

„דערווייל גייט זיך באָדן" — האָט זי ממשיך געווען מיט אַ באַ־פעלערישן טאָן. „דאָ איז דאָך ווייט פון פראָנט. און לאָזט איבער דעם באַשלוס וועגן די באַזוכן דעם „גייד" און דעם שאָפער. זיי פאָרן דאָך מיט. זיי וועלן אייך נישט פירן דאָרטן, ווו עס איז פאַראַן סכנה. זייער לעבן איז דאָך זיי זיכער טייער. עווענטועל, לייגט אָפּ די באַזוכן נאָענ־טער צו דער גרענעץ־ליניע אויף מאָרגן, איבערמאָרגן, ווען די לאַגע וועט זיין קלאָרער".

זיי האָבן נישט אַראָפּגענומען די אויגן פון איר און געשלונגען יעדעס וואָרט ווי אַ פּרעדיקט, פון דער אַמבאָנע אַראָפּ.

„אַ דאַנק" — האָט געזאָגט דער גלח, און געדריקט וואַרעם איר האַנט.

ווי געשטויסן דורך עפּעס אַ מיסטישן דראַנג, האָבן זיך אַלע

געגומען שטופּן צו איר, און דריקן איר האַנט, ווער מיט איין האַנט, און ווער מיטביידע.

זי האָט פעסט געדריקט די דערלאַנגטע הענט און געווונטשן הצלחה, גייסטרייכע איינדרוקן, און אַ סך גליק אין לעבן. און זייערע פרומע ליפּן האָבן צוריקגעווונטשן דאָס זעלבע, פאַר איר, פאַר איר לאַנד, פאַרן פאָלק ישראל.

„אָמען, אָ־מען!" — האָט באַגלייט דער גלח יעדע ברכה, און נישט אַראָפּגענומען פון שרונהן די אויגן, ביז די טיר פון דער בע־דער־אָפּטיילונג האָט זיך פאַרמאַכט הינטער דעם לעצטן פּילגרים.



ז

נאָענט צו מיטאָגצייט, האָט שרונה געפּילט ווי זי פאַלט פון די פּיס און ווי זי ווערט פאַרברענט פון דורשט. הונגעריק איז זי נישט געווען. סײַ ווי האָט זי געפּילט, אַז דער ביסן וואָלט נישט אַראָפּ, און אויב יאָ, וואָלט זי אים נישט פאַרדייט, און דער מאָגן וואָלט אים צוריקגעגעבן. מיט פליסיקייטן האָט זי נישט געהאַט קיין שוועריקייטן.

ביי די טישלער, קעגן איבער דעם ברייטן בופעט־פענצטער פון „יעלס קעניגרייך", זענען געווען געציילטע מענטשן. דאָס איז גע־ווען די קאַפעטעריאַ, מער באַר, אָדער סנאַקבאַר, ווי רעסטאָראַן. יעל האָט אָפּגעדונגען די מויערן, און דאָ באַלעבאָטעוועט. הינטער דעם בופעט־פענצטער איז געווען אַ שמאָל צימערל, אַ סך לענגער ווי ברייט, וווּ די געטראַנקען און פאַרטיקע מאכלים האָבן געוואַרט אויפן קליענט. אָבער צוגעגרייט זיי האָט מען אין דער קיך, אַ פּיר־עקיק צימערל, וווּ עס איז געשטאַנען דער עלעקטרישער אויוון, צו קאָכן אָדער אויפוואַרעמען אַ מאכל, אָדער צו באַקן, בראָטן אויפן גריל. געווען דאָרטן כל מיני טעפּ און בראָטפּאַנען, און געשיר. אַחוץ דעם האָבן זיך דאָרטן געשטאָקט קאָסטנס מיט משקאות, אָדער אויס־געליידיקטע פלאַשן, אָדער כל מיני עסנוואַרג, קאָנסערוון, ירקות, פּירות. עס האָט געיאָגט פון דאָרטן דער ריח פון שאַרפע וווּרשטן, פון פּיתה׳עס פריש־געבאַקענע, פאַלאַפעל־שטאָף אָנצופילן די בײַ־כער פון די פּיתה׳עס, פון שמאַלצהערינג און געריוכערטע סאַרדי־נען, פון געזייערטע אוגערקעס, פריש געריסענע ציבעלעס און גרי־נע אָדער רויטע פעפערס, וואָס פאַררייסן די נאָז. דאָס פאָדערצי־

מער איז געווען אָפּגעטיילט פֿון דער קיך מיט אַ מין פֿאַרהאַנג־מחיצה, געמאַכט פֿון אַראָפּהענגענדיקע שנירלעך, אויף וועלכע עס זענען געווען אָרויפֿגעסיליעט גלאַנציקע מעשענע באַלעמלעך, און צווישן איינעם און צווייטן האָט זיך געפֿונען אַ הילצערנע קרעל. די שנירלעך זענען געווען געדיכט איינס נעבן אַנדערן, און ביים צורירן זיך צו זיי האָבן זיי געמאַכט אַ רעש, ווי אַ געקלאַפּ אין דזשאַז־גלעקלעך. מ׳האָט נישט געדאַרפֿט עפֿענען די טיר, נאָר פּשוט אַריינגיין אינעם פֿאַרהאַנג, און שוין איז מען געווען אָדער אין קיך, אָדער אין בופֿעט־צימער. דאָס איז געווען באַקוועם, ווען מ׳האָט געהאַט באַלאָדענע הענט; אָבער געווען דערביי אויך אַ גרויסער חסרון, דהיינו — אַז די זייטיקע טיר, צום זאַל, איז געווען אָפֿן, אָדער ווען מ׳איז געווען אינעם בופֿעט־צימער — האָט מען געקאָנט זען וואָס עס טוט זיך אין דער קיך, דורך די שפּאַרונעס צווישן די שנירלעך.

שרונה איז אַריין אין בופֿעט־צימערל און זיך אַליין באַדינט. זי האָט גענומען פֿון אייזשראַנק אַ פֿלאַש סאָדע־וואַסער, אויפֿגעעפֿנט און צוגעשטעלט צום מויל. זי האָט געפֿילט, אַז נישט נאָר קילט זי דער געטראַנק און לעשט דאָס פֿייער אין די אינגעווייד, נאָר לייזט זי אויף און וועקט דעם אַפּעטיט. זי וואָלט איצטער גערן עפּעס גע־געסן, עפּעס אַ פּיקאַנטע זאַך, אַ שטייגער — אַ שטיקל הערינג מיט אַן אַלט־געבאַקענער זעמל, אָדער פּאָר וואָס טאָקע נישט פֿאַלאַפֿעל מיט אַ רונדיקן קלאָפּס־באַלעמל אין דער מיט?

אָבער, ווו איז יעל?

דורך דער שיטערער מחיצה האָט זי באַמערקט ווי יעל שטייט מיטן רוקן צוגעדריקט צו אַ שטענדער מיט קאַסטנס, ביזן באַלקן אַרויף, און פֿאַר איר — אַ מאַן, מסתמא אַ קורגאַסט, ווערמען זי האָט נישט דערקענט לויטן רוקן זיינעם.

דאָס טרעפֿט נישט גאָר זעלטן ביי יעלן. פֿאַראַן קורגעסט, וואָס די בעדער און מאַסאַזשן, אָדער בלאָטע־אומשלאַגן, צינדן אַן ביי

זיי באַגערן, אָדער ברענגען זיי אין עקסטאַז; קומען זיי אָפּקילן זיך מיט אַ געטראַנק, אָדער — אין זעלטענע פֿאַלן — זוכן אינטימיטעט אין דער קיך ביי יעלן. זי מאַכט עס געוווּג דיסקרעט, און איז מקפּיד אַז די הילצערנע טיר צום זאַל צו זאָל זיין פֿאַרמאַכט. מ'דאַרף קוקן פֿון בופֿעט־צימער דורך דער שנירלטיר, כּדי צו זען וואָס עס גייט אָן אין דער קיך. און ווער האָט דאָס רעכט אַריינצוגיין? נישט מער ווי שרונה. און אויך דער דירעקטאָר פֿון קוראַרט און זיין פֿאַרטרע־טער; זיי האָבן אָבער זעלטן צייט דערצו. זיי ווילן זיך אויך נישט מישן, און לאָזן איבער די קאָנטראָל־פֿונקציע פֿאַר שרונהן.

אויך דער פֿאַקט, וואָס מ'זעט זי נישט אַ צייט שטיין נעבן בופֿעט, אָדער אַרומדרייען זיך צווישן די טישלעך, דערלאַנגען קאָנסומאַציעס די געסט — פֿאַרראַט זי. עס איז אַ סימן, אַז זי פֿאַרעט זיך אין דער קיך, פֿאַרנעמט זיך מיטן צוגרייטן מאכלים, אָדער — לאָזט זיך צו־דריקן צו די קאָסטנס. אין דעם לעצטן פֿאַל, זעט מען זי נישט אַ לענגערע צייט.

כּל זמן עס איז געווען אַן אָפּגעזונדערטער, אָדער זעלטענער פֿאַל, האָט שרונה אַוועקגעקוקט. עס האָט אָבער לעצטנס אָנגענומען ממש אַ כראָנישע פֿאָרם. דערצו האָט זי פֿאַרנאַכלעסיקט די געסט. האָט זיך געהאַנדלט אין אַ קאַלטער פֿלאַש משקה — האָבן די געסט זיך אַליין באַדינט, גענומען אַליין פֿון בופֿעטטיש, אַריינגעזעצט אַ טרינקשטרוי, אָדער אַריינגעגאָסן אין אַ גלאָז, און אַוועקגעלייגט דעם באַטרעף. אָבער, ווען עמעץ האָט געוואָלט אַ הייסן געטראַנק, אַ סענדוויטש, אַ געקאָכטן מאכל — איז דעמאָלט נישט געווען ווער עס זאָל באַדינען. וועגן צונעמען אַ געהילף, האָט זי בכלל נישט גע־וואָלט הערן, צוליב אירע טעמים...

אָפּט האָט שרונה געוואָלט אַריינגיין אין קיך, פֿונאַנדעררייסן דאָס אינטימע פּאָרל, און אַ וואָרף טאָן יעלן אין פּנים אַריין — פּרוצה, דאָ איז נישט קיין שאַנדהויז. אָבער, זי האָט זיך כּסדר איינ־געהאַלטן.

אַ קורגאַסט האָט זיך אַוועקגעשטעלט נעבן בופעט־פענצטער און פאַרלאַנגט אַ הייסע קאַפע. שרונה האָט אים באַגריסט, געהייסן זיך צוזעצן אַ ווייל ביי אַ טישל, און גערופן: „יעל, אַ גאַסט!" — און זעענדיק, אַז יעל רופט זיך נישט אָפּ, האָט זי אויסגערופן נאָך העכער: „יעל, אַ גאַסט!"

„איז וואָס?" — האָט יעל געפרעגט, אַ בייזע, און צוגעגעבן מיט חוצפּה און אָנצוהערעניש — „זעסט נישט, אַז כ'בין פאַרנומען. ביסט בלינד?" — און נאָך אַ ווייל האָט זיך געהערט איר באַפעלע־ריש־איראָנישער טאָן: „„פאַראַן הייס וואַסער אין דער טערמאָס־פלאַש, אונטערן בופעטברעט, און דערנעבן קאַפּע־עקסטראַקט. מאַך אים קאַפע. איך וועל דיך פאַרטרעטן ביי אַן אַנדערער געלעגנהייט"...

שרונה האָט געטון ווי זי האָט געהייסן. אירע הענט האָבן געציטערט, אירע פּיס האָבן זיך געוואַקלט און איר פּנים האָט געפייערט פון חרפּה און כּעס. זי האָט זיך ערשט געשטילט אַ ביסל, ווען דער גאַסט האָט זיך העפלעך פאַרנייגט, און געזאָגט, אַז עס איז פאַר אים אַ גרויסער כּבֿוד, אַ גאַר גרויסער כּבֿוד, באַדינט צו ווערן דורך אַזאַ עלעגאַנטער און שיינער דאַמע. זי האָט זיך פאַרנייגט, אויסגעגראָדט זיך, באַמיט זיך אַרויפצוציען אַ שמייכל אויף איר פּנים, און מיט גיכע טריט אַרויס אין גאַס.

ח

זי האָט מקנא געווען יעלן, וואָס שטיפט און פלירטעוועט מיט יעדן איינעם און זאָגט זיך נישט אָפּ צו פאַרברענגען אין קיך מיט אַ מאַן. זי האָט איר מקנא געווען, וואָס זי נעמט אַלץ לייכט, זוכט צו געניסן פון לעבן וואָס מער, ווי אַ זומער־פלאַטערל, וואָס טאָר נישט אָפּלייגן זיינע הנאות אויף צו מאָרגנס, ווייל היינט ענדיקט זיך זיין לעבנסשפּאַן.

ווי גוט וואָלט געווען, ווען זי האָט אַן ענלעכע נאַטור. וויפל יסורים וואָלט זי אויסגעמיטן, וויפל קרענקעניש, אינערלעכע קאַמפן און גערעאַנגלען, וויפל ווייטיקלעכע ווידעראַנאַנדן ; און וויפל שלאָפּ־לאָזע נעכט און שטורעמדיקע טעג, וואָכן, חדשים וואָלט זי פאַר־שפּאָרט, ווען זי האָט יעלס כאַראַקטער. יעל האָט דווקא אַ מאַן, ווי מען זאָגט, אַ יונגן און אַ שיינעם, אַ שטאַרקן און זיי האָבן זיך ליב. און דאָך שטערט עס איר נישט אין איר נישט שטאַרק אָנשטענדיקן אויפפירן זיך.

יעל האָט זיך געפילט אין איר אַרבעט ווי די גאַנצע באַלעבאָס־טע, און געטון וואָס זי האָט נאָר געוואָלט, נישט ווערנדיק נתפּעל פון אַ מעגלעכער קאָנטראָל. דעריבער האָט מען איר געטראַנק־ און שפּייז־קרעמל גערופן — יעלס מלכות.

און, אַזוי ווי לעצטנס איז איר אויפפירן זיך דערגאַנגען ממש צו הפקרות, האָט אַנומלט שרונה באַמערקט, כלומרשט כלאחר יד און מיט אַ האַלב מויל : „דו שעמסט דיך גאָרנישט, יעל, האַ ?״. איז זי איר

נישט געבליבן שולדיק, און געענטפערט בייסיק: „און דו, שרונה, שעמסט דיך נישט, האַ?״.

דאָס איז געווען אין אָנהייב פון אירע באַגעגענישן מיט וויקטאָרן.

געווען איז עס עטלעכע טעג נאָך ל״ג בעומר, נאָך דער הילולא דרבי מאיר בעל־הנס.

אין ל״ג בעומר האָט וויקטאָר געפירט זיין יונגן זון צום זאַמל־פונקט נעבן דער ישיבה, אָפּצושערן אים די האָר. אַ מנהג אַזאַ ביי די מזרח־עדות, אַז צו דריי יאָר לאָזן זיי אָפּשערן צום ערשטן מאָל די האָר פון זייער קינד, אין ל״ג בעומר, בשכנות פונעם קבר פון גרויסן צדיק. דאָס דינט ווי אַ סגולה פאַרן קינד, אויפן גאַנצן לעבן אַרויס. אַזוי ווי דאָס קינד גיט אַוועק דעם הייליקן רבי דאָס שענסטע, וואָס עס פאַרמאָגט, די ערשטע האָר זיינע, אַזוי זאָל דער ניסימדיקער רבי, געבענטשט זאָל זיין דער נאָמען זיינער, בענטשן דאָס קינד מיטן בעסטן און שענסטן. און, וויפל האָר עס ווערן אָפּגעשוירן, אַזויפיל ברכות זאָלן דאָס קינד באַגלייטן, און אַזויפיל מעסטלעך מזל זאָל דאָס קינד האָבן אינעם לעבן.

איז גראָד געווען אַ שטאַרקער, ערב־אָוונטיקער ווינט, וואָס האָט געבלאָזן פון כינרת צו די שיפּועים פון די הרי־נפתלי. און אַזוי ווי ער איז געקומען פלוצעם, אָפּקלאַפּנדיק זיך מיט כעס פונעם צע־כוואַליעטן וואַסער, האָט ער אַ הייב געטאָן דעם באַרג האָר פון אָפּגעשוירענע קינדער־קעפּלעך, און אַ יאָג געטון וויקטאָרן אין פּנים אַריין. טייל האָר זענען פאַרקראָכן הינטער זיין העמד, אין זיין געדיכט־באַהאָרטן פאַרנט, און אַראָפּצו — הינטערן נאָפּל. ער האָט געפילט ווי יעדעס הערל, וואָס רירט זיך צו צו זיין גוף, שטעכט ווי מיטן עק פון אַ נאָדל, רייצט און בייסט זיין הויט, ווי קרעץ. ער האָט גענומען זיך וואַרפן, קראַצן, אַראָפּשאָקלען די האָר, רייבן מיט אַ באַבלעטערטער צווייג. ער האָט אַראָפּגעצויגן זיין העמד און גע־

פּאַכּעט מיט אים איבער זײַן לײַב װי מיט אַ בעזעם. װאָלטן עס כאַטש געװען די האָר בלױז פֿון זײַן אײגן קינד, װאָלט עס אים נישט געאַרט. געװען אָבער דאָרטן האָר פֿון הונדערטער פֿרעמדע קינדער, און נישט אַלע דװקא געזונטע, רײנע, אָפּגעהיטענע.

דער ערשטער געדאַנק איז געװען צו לױפֿן אין די בעדער, עטלעכע שפּאַן פֿון דאָ. ער װעט דאָרטן אַראָפּװאַשן פֿון זיך דאָס קלענסטע פֿרעמדע הערעלע און באַפֿרײַען זיך פֿון שמוץ, פֿון קרענק, און אפֿשר גאָר אומפּלײט. די מינעראַל־װאַסערן האָבן דאָך אַ נאַטירלעכן כּוח צו רײניקן און געזונט מאַכן. ער האָט אַהײמגעשיקט דאָס קינד מיט אַ שכן, און געלאָזט זיך לױפֿן אין קוראָרט.

שרונה װאָלט זיכער נישט געװוּסט װעגן אים, װי זי װײסט נישט כּמעט װעגן אַנדערע צופֿעליקע באָדנעמער, װען נישט דער פֿאַקט, װאָס ער איז געקומען שפּעט און געשטערט אינעם שליסן דעם אַנשטאַלט. אָן אַנדערער, אַז ער קומט געדיכט פֿאַרן שליסן די טירן, באָדט זיך בקיצור, אײנס צװײ, און רעכנט זיך מיט די באַדינער, װאָס אײלן זיך אַהײם. אָבער װיקטאָר איז אַרײַן אין דער גרױסער בריכה און נישט געװאָלט אַרױסגײן.

שרונה האָט אַרײַנגעשיקט מישעלן, װאָס איז געקומען שױן צו זײַן נאַכט־שמירה, ער זאָל אים הײסן תּיכּף אָנטאָן און גײן. מישעל האָט אַראָפּגענומען זײַן געװער און געמאַכט דעם אָנשטעל, אַז אױב ער גײט נישט אַרױס, שיסט ער אים. עס האָט נישט געהאָלפֿן. ער האָט כּסדר געװאַשן, געריבן זײַן גוף, געשטעלט זיך אונטערן שטראָם פֿון דערנעבנדיקן דוש, געזײפֿט זיך, און װידער אַרײַן אינעם גרױסן באַסײן, געשװוּמען, געשטעלט דעם רוקן, דעם פּאָרנט, דירעקט אונטער דער רער, פֿון װאַנען עס שטראָמט הײס װאַסער גראָד פֿון קװאַל אַרױס, און זיך װידער געטובלט, װידער געדושט.

װער װײסט װי לאַנג ער װאָלט נאָך געבליבן דאָרטן, װען שרונה

הייסט נישט אָפּשטעלן דעם צושטראָם פון וואַסער, און אָפּלאָזן דאָס וואַסער פון באַסיין.

„סליחה ,אדוני״ — האָט זי אַריינגעשריגן צו אים פונעם לאַנגן קאָרידאָר, וואָס פירט צו דער בריכה־אָפּטיילונג. „סליחה, אדוני, סוגרים, מיר פאַרמאַכן!״

זי האָט געוואַרט ביז ער וועט אַרויס און צוגעשלאָסן די גלע־זערנע טיר הינטער אים.

ביים קאַרגן לבנה־שיין, וואָס איז געפאַלן דירעקט אויף דער שויב, האָט ער זי באַמערקט. איר פּנים איז געווען ווייס און אומרו־איק, און אירע אויגן האָבן געפינקלט. איבער איר קאָפּ איז גע־שטאַנען אַ זילבערנע נעץ, ווי אַרום אַ לבנה, וואָס טוט פאַרוויסזאָגן אַ כאַמסין.

ער איז געבליבן שטיין מיטן פּנים צו איר. ער האָט צוגעשטעלט זיין נאָז און ליפּן צו דער דיקער שויב, וואָס האָט זיי פונאַנדערגע־טיילט, און אויסגעמאָסטן אַ קוש אינעם גלאָז. זי האָט געזען זיין שטאַרק באַהאָרטע ברוסט, זיין פאַרברענט פּנים, שפּיזיקע אויגן און געדיכטע האָר, וואָס באַדעקן זיין שטערן. זיינע צעקוועטשטע ליפּן און נאָז האָבן אויסגעזען ברייט, געשוואָלן און קאָמיש.

„לילה טוב״ — האָט זי געזאָגט עפּענענדיק ברייט דאָס מויל, כדי ער זאָל אַראָפּלייענען די זילבן פון אירע ליפּן, אויב איר קול דערגייט נישט צו אים — „לי־לה טוב״, און זיך אויסגעדרייט צו אים מיטן רוקן, ער זאָל נישט באַמערקן דעם שמייכל אויף איר פּנים.

ט

צו מאָרגנס, ווען מ׳האָט זיך געגרייט צו שליסן דעם אָנשטאַלט, איז ער ווידער געקומען. די קאָסע איז שוין געווען פאַרמאַכט. געבליבן זענען נאָר די, וואָס רייניקן די וואַנעס, די בריכות. נעמען צונויף די אָפּגענוצטע וועש, גרייטן צו ריינע ליילעכער, האַנטעכער און כאַלאַטן אויף מאָרגן. ניסים, וואָס שטייט ביים אַריינגאַנג פון דער מענער־אָפּטיילונג, און האָט זיך געגרייט אַהיימצוגיין, האָט אים פאַרשטעלט דעם וועג. עס האָט זיך אַנטוויקלט אַ געראַנגל און אַ געפּעכט פון ווילדע קולות.

דער טומל האָט אַרויסגערופן שרונהן פון איר ביוראָ, ווו זי איז געווען פאַרנומען מיטן רעזומירן דעם פאַרלויף פונעם טאָג אַרבעט.

„שוין ווידער" — האָט זי געזאָגט בייז און מיט טענות — „אַזוי שפּעט?"

„איך אַרבעט שווער, נישט ווי איר דאָ" — האָט ער געשריגן. „פרעגט אין קיבוץ פאַר וואָס מ׳ליפערט מיר אַרויס די ברעטער אַזוי שפּעט. איך בין נישט שולדיק!"

„קום מאָרגן" — האָט זי געזאָגט.

„מאָרגן אויך קומען" — האָט ער געזאָגט, און בעת־מעשה זיך געוואָרפן, געקראַצט זיך. „אַז עס בייסט מיך היינט, זאָל איך קומען מאָרגן, האַ? ווו איז לאָגיק, ווייסע פּרינצעסין, ווו?"

און איידער וואָס איידער ווען, האָט ער זיך אַרויסגעדרייט פון ניסימס הענט, און שוין האָט מען דערהערט זיין פּליעסקען זיך אין וואַסער, געמישט מיט זיין הילכיק געלעכטער, וואָס האָט זיך אָפּ־

געקלאַפּט מיט אַ ברונעמדיקן ווידערקול אינעם קופּאַל־געוועלב פונעם בריכה־זאַל.

„אָבער נישט מער ווי פינף מינוט אויפן זייגער!" — האָט שרונה באַפוילן.

„מיטן תנאי, אַז דו זאָלסט מיך קומען אַרויסנעמען פון וואַסער, ליכטיקע פּרינצעסין!" — האָט ער געענטפערט מיט אַ טריומפירנדיקן קול.

ווען מישעל איז געקומען, איז ניסים אַוועק אַהיים. און, ווי נעכטן, האָט מען געמוזט אָפּשניידן דאָס וואַסער, און אויך איבעררייסן דעם עלעקטרע־שטראָם, אים אַרויסצוטרייבן.

אַ טאָג שפּעטער, איז שרונה אַוועק פריער ווי תמיד, כדי אים נישט צו באַגעגענען. איז ער געקומען, ווי ער וואָלט עס דערוואַרט פון איר, אַ סך פריער.

און, ווען זי איז בכלל נישט געקומען צו דער אַרבעט דעם נאָענטסטן נאָך מיטאָג, איז ער געגאַנגען זי זוכן.

ער האָט זי אין ביוראָ נישט געפונען. האָט ער אויפגעזוכט איר וווינצימער. זי האָט זיך נישט געריכט אויף זיין באַזוך, און געעפנט די טיר. זיי זענען געשטאַנען פּנים אל פּנים אויף דער שוועל, און געאָטעמט גיך.

„גיי אַרויס!" — האָט זי באַפוילן און אים אָפּגעשטויסן, באַמיענדיק זיך פאַרמאַכן די טיר.

„גיי נישט מיט כוח!" — האָט ער זיך געוועהרט. „מיך וועסטו מיט כוח נישט טרייבן. איך וועל אַליין אַוועק".

„איך וועל שרייען" — האָט זי געהויבן איר קול.

ער האָט צוגעשטעלט איין האַנט צו איר מויל, מיט דער צווייטער זי אַ הייב געטאָן, און זי אַריינגעטראָגן אין שטוב, צומאַכנדיק מיטן פוס די טיר. זי האָט זיך געוואָרפן, געריסן זיך פון זיינע פעסטע הענט. ער האָט זי געטראָגן צום בעט און אַוועקגעלייגט.

„איך וועל דיר גאָרנישט טאָן״ — האָט ער געזאָגט רואיק „אָבער, שריי נישט. איך וויל דיר נאָר זאָגן איין וואָרט. האָרך מיך אויס, און איך גיי״.

זי האָט זיך אויסגעדרייט מיטן רוקן צו אים, און געשטיקט אין זיך אַ ספּאַזמאַטיש געוויין.

ווען זי האָט זיך באַרויקט, האָט ער געגומען פראַוון מוסר: „נישט שיין, פע. מ׳טוט נישט אַזוי. באַהאַלטסט דיך מיט אַ כוונה, כדי מיך נישט צו זען... אָבער, ווען איך בין נישט קיין פרעמדער, פון די מזרח־עדות, וואָלסטו דאָס נישט געטון, וואָלסטו געוועזן העפלעך, וואָלסטו מיך נישט אָפּגעשטויסן״.

זי האָט אים געוואָלט ענטפערן, זאָגן אים, אַז ער איז אין אַ טעות, אַז עס הייבט זיך נישט אָן, אַז דאָס איז אַ בילבול, אַ פאַל־שער תירוץ. אָבער עס האָט זי געשטיקט אין האַלדז, זי האָט נישט געקאָנט אַרויסברענגען קיין וואָרט.

„דאָס איז אַלץ״ — האָט ער געזאָגט באַפעלעריש, און מיט אַ טאָן פון איינעם, וואָס באַפרייט זיך פון אַן עול, צוגעגעבן: „איצט, אַז איך האָב עס דיר געזאָגט, קאָן איך שוין גיין. שלום, ווייסע פרינ־צעסין. איך האָב דיך געוואָלט לערנען דרך־ארץ. דאָס איז אַלץ. שלום״.

I

דעם נאָענטסטן פרייטיק, איז ער געקומען פאַר מיטאָג. ער האָט זי באַגריסט גאָר העפלעך. זי האָט זיך העפלעך פאַרנייגט, און געפילט ווי דאָס גאַנצע בלוט שלאָגט איר אין פּנים אַריין און צינדט אונטער די האָרוואָרצלען.

נאָכן באָדן האָט ער געבעטן אַן אַלגעמיינעם מאַסאַזש, וואָס זאָל אים אויפפרישן און צעשטורעמען די בלוטן. שפּעטער האָט ער זיך אַוועקגעלייגט אויף אַן אָפּרובעטל און אַרויפגעצויגן אויף זיך דעם ליילעך און צודעק, כדי זיך גוט דורכשוויצן. ער האָט צוגעגרייט צוויי גרויסע אשכוליות, גרייפּ־פרוכטן, וואָס ער האָט אָפּגעריסן פאַר טאָגס, אינעם פּרדס פון קיבוץ. ער האָט אָפּגעביסן די דיקע הויט מיט זיינע געזונטע ציין, געריסן שטיקער פון דער נאַקעטער פּרי, און געשטופּט אין מויל אַריין, האַלב ליגנדיק. זיינע קיימוסקלען האָבן זיך באַוועגן מיט התמדה, געהאָלפן די ציין צו צעטרייבערן די פליישיק־זאַפטיקע ביסנס, און אַנצופילן זיינע אינגעווייד מיט הנאה.

ווען ער האָט געהאַלטן ביי דער צווייטער העלפט פון דער צווייטער פרוכט, האָט ער זיך אָפּגעשטעלט. נישט, ווייל ער האָט געהאַט גענוג. נאָר, ווייל עס איז אים פלוצעם געקומען אַ געדאַנק אין קאָפּ אַריין, וואָס האָט איינגעהאַלטן די האַנט, און נישט געלאָזן עפענען דאָס מויל.

ער האָט זיך אויפגעריסן פון געלעגער. ער האָט אַרויפגעצויגן די ריינע וועש, וואָס ער האָט מיטגעבראַכט, כדי צו בייטן לכבוד שבת, און דאָס געבלימלטע נילאָן־העמד, וואָס ער טוט נאָר אָן ביי

ספּעציעלע געלעגנהייטן, מיט אַ ברייט אויסגעלייגטן קאָלנער, אַרויפגעצויגן די שבתדיקע הויזן, און מיט דער האַלבער פּרוכט אין האַנט, איז ער אַרויס זוכן שרונהן.

ער האָט זי געטראָפן אין איר ביוראָ־צימער.

שרונה האָט זיך נישט געריכט אויף זיין באַזוך. זי האָט זיך אויפגעשטעלט. איר פּנים האָט זיך באַגאָסן מיט פלאַמען. ער איז געשטאַנען אויף דער צווייטער זייט פון ברייטן טיש, און געקוקט אויף איר. זי האָט געזען זיין באַוואָקסענעם פּאַרנט, דעם האַלבן גרייפ־פּרוכט אין זיין ציטערדיקער האַנט, פון וועלכער עס רינען זאַפטיקע טראָפּנס דירעקט אויפן גלאָזדעק, וואָס איבערן טישברעט.

„זיי מוחל" — האָט ער זיך אָנגערופן מיט אַ שמץ פון שעמעוודיקייט. און אַזוי ווי ער וואָלט געווען דער גאַסטגעבער, געגעבן איר אַ סימן זי זאָל זיך צוריקזעצן, אַוועקזעצנדיק זיך אַליין.

ער האָט איבערגעחזרט, מיטן זעלבן טאָן: „זיי מוחל. זיי מיר טאָפּלט מוחל".

זי האָט געהאַלטן אירע אויגן אויף זיינע ברייטע אַקסלען און פעסטן האַלדז, וואָס וואַקסט אַרויס פון באַהאָרטן בוזעם, און אירע ליפּן האָבן געציטערט, צוזאַמען מיט די נאָזפליגל.

„זיי מיר מוחל פאַר מיין אומקאָרעקטקייט, פאַר מיין אַריינרייסן זיך אייערנעכטן צו דיר אין שטוב, אין דיין פּריוואַטן צימער. עס איז געווען גראָב פון מיין זייט. זייער אומאָנשטענדיק... אָבער, כ'האָב געמוזט זיך אַראָפּריידן פון האַרצן. עס האָט מיר וויי געטון. שפּעטער איז מיר געוואָרן לייכטער. איך בין אָבער באַגאַנגען אַן אומטאַקטישקייט. כ'האָב עס תיכף באַדויערט, גאָר שטאַרק. האָב איך געזוכט אַ געלעגנהייט עס דיר צו זאָגן. זיי מוחל".

זי האָט געשוויגן. זי האָט געפילט, אַז נישט נאָר שטייט איר פּנים אין פלאַמען, נאָר אַז זיי כאַפּן אַרום איר גאַנצן גוף, ביז די שפּיץ פינגער. זי האָט געפילט, אַז פון דער צעקוועטשטער פּרוכט, וואָס

ער האָט צוגערוקט נאָענטער צו איר, רינט נישט קיין זאַפּט, נאָר פּייער, דינע, שפּיציקע פלעמלעך ,וואָס צינדן אָן אויך די פרעמדע שייטלהאָר אויף איר קאָפּ.

„און זיי מוחל, וואָס כ׳ברענג דיר אַ האַלבע פּרוכט, אין אַזאַ מצב, און עס פאַרמושבט דיין טיש... דאָס האָב איך זיך אַוועקגע־נומען פון מויל, פאַר דיר... כדי דיך דערמיט איבערצובעטן. מיינע פינגער זענען ריין, כ׳האָב זיי מיט אַ כוונה גוט געריייניקט...״

זי האָט געקוקט אויף זיינע לאַנגע פינגער, וואָס באַוועגן זיך קאָנוואַלסיוו און ווילן זיך באַפרייען פון דער קלעפּיקער פליסיקייט צווישן זיי.

„נעם״ — האָט ער געבעטן, צורוקנדיק נאָך נאָענטער די פרוכט צו איר.

זי האָט געקוקט אויפן טיש, געזען ווי אַ דינער שנור פון זאַפּט ציט זיך צום ברעג פון טישברעט און קריכט אַרונטער אונטערן גלאָז. זי האָט זיך אונטערגעהויבן פון שטול און אָפּגערוקט זיך הינטער־ווייטלעכץ.

„בבקשה״ — האָט ער איבערגעחזרט בעטנדיק, און געמאַכט אַ באַוועגונג מיט דער האַנט, ווי ער וואָלט וועלן אָפּהייבן די פרי פון טיש און איר דערלאַנגען.

„שפּעטער״ — האָט זי געזאָגט מיט קוים צעעפנטע ליפּן.

„ווען שפּעטער?״

„שפּעטער״.

„ניין, איצטער. איך וויל זען דיינע דינע ליפּעלעך און ווייסע ציינדעלעך ווי זיי שניידן זיך אַריין אין דער זאַפטיקער פרי, און די צונג דיינע וויל איך זען, דיין שפּיציק צינגל...״

„שפּע־טער״ — האָט זי איבערגעחזרט, אַקצענטירנדיק יעדע זילבע.

דער טעלעפאָן האָט זיך פלוצעם צעקלונגען. מיט ציטערדיקע פינגער האָט זי גענומען דאָס טרייבל. זי האָט זיך צוגעהערט, און

געענטפערט מיט איינזילביקע און אָפּגעריסענע ווערטער, אין וועלכע עס האָט זיך געפילט סיי פאַרלוירנקייט, און סיי אומבאַקוועמטקייט.

ער האָט פאַרשטאַנען, אַז ער שטערט. האָט ער זיך אויפגעהויבן, זיך פאַרנייגט. „זיי מוחל" — האָט ער געבעטן. „איך שטער מסתמא. שבת שלום, שבתדיקע פרינצעסין". ער האָט געוויזן מיט די פינגער און אויגן אויפן טיש, און איבעגעפרעגט בלחשדיק: „שפּע־טער?"

זי האָט געשאָקלט מיטן קאָפּ אויף יאָ, און געענטפערט, אָפּ־וועגדנדיק דאָס מויל פון טעלעפאָן־טרייבל: „שבת שלום, אדוני, שבת שלום".

יא

„דו שעמסט דיך גאָרנישט ,יעל, האַ ?״ — האָט זי באַמערקט.

„און דו, שרונה, שעמסט דיך נישט, האַ ?״ — איז זי נישט געבליבן שולדיק און געענטפערט בייסיק.

„איך האָב דאָך נישט קיין מאַן, יעל !״

„אָבער ער האָט אַ פרוי, שרונה. דערצו האָט ער אויך צוויי קינדער״.

זי האָט געזוכט אַן אָרט זיך אָנצושפּאַרן. די רייד פון יעלן האָבן איר אונטערגעשניטן די פיס. זי האָט זיך אָנגעלענט אין דער וואַנט און צוגעשאַרט צו אַ שטול. זי האָט אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ, אים אַריינגענומען אין די פלאַכן פון די הענט.

יעל האָט אַוועקגעשטעלט אויפן טישל, נעבן איר, אַ טאַס הייסע קאַפע.

„טרינק״ — האָט זי געזאָגט — „דאָס וועט דיך אויפמונטערן״.

נאָך אַ ווײַלע, האָט זי גערופן צו איר פון קיך אַרויס: „טרינק, שרונה, איידער די קאַפע ווערט קאַלט. ס'וועט דיר העלפן צו טראַכטן קלאָר און עפענען די אויגן״.

זי האָט געגעבן אַ שלוק. זי האָט געפילט, אַז ער גייט נישט אַראָפּ, ער שטיקט זי. זי האָט זיך פאַרקרעקט, צוגעהאַלטן דאָס מויל, מיינענדיק אַז זי גייט ברעכן.

מיט גיכע טריט, איינגעבויגן, און מיט דער האַנט ביים מויל, איז זי גיך אַריין צו זיך אין ביוראָ.

דער טעלעפאָן האָט געקלונגען. פון קורהאָטעל האָט מען גע־

בעטן שיקן דעם ראָדפאַטעל פאַר אַ פאַרקריפּלטן קראַנקן. אַנשטאָט צו בעטן עמעצן פון פּערסאָנאַל, האָט זי גענומען דעם פאָטעל און געפאָרן מיט אים זוכן דעם פּאַציענט.

זי האָט געשטופּט דעם פאָטעל פאָרויס. דער פּאַציענט, וואָס איז געווען פעט און צעשוווּמען פון כסדרדיקן זיצן, האָט געשווערט אויף די רעדער־אַקסן, און געמאַכט זיי סקריפּען. איר האָט זיך גע־דאַכט, אַז זי הערט דעם קוויטשנדיק־סקריפּענדיקן קול פון יעלן. אָבער פון וואַנען ווייסט יעל? אפשר פון מישעלן? מישעל, וואָס וואַכט ביי נאַכט איבערן אַנשטאַלט און די דערנעבנדיקע בנינים, האָט אפשר געזען ווי וויקטאָר איז געקומען צו איר שפּעט אין אָוונט, אָדער, ווען ער איז אַוועק שפּעט ביי נאַכט? אפשר האָט מישעל באַמערקט זיין לאַסטאויטאָ נעבן אַנשטאַלט, און געפרעגט זיך — וואָס טוט דאָ וויקטאָרס אויטאָ אַזוי שפּעט ביי נאַכט? און, געזען אים שפּעטער אַראָפּגיין פון איר צימער... דאָס איז דאָך זיין אויפגאַבע, מישעלס, צו היטן, נאָכשפּיאָנירן, נאָכפאָלגן יעדע פאַרדעכטיקטע באַוועגונג... צי האָט ער עס דערציילט יעלן? ער איז אינטים מיט איר. זי האָט אים מער ווי איין מאָל געזען אַרויסגיין פון יעלס קיך...

ווייסט זי, יעל, ווייסט שוין מסתמא אַ האַלבע שטאָט...

פאַר וואָס האָט זי נישט אָפּגעפרעגט, נישט פּראָטעסטירט? זי האָט געדאַרפט לייקענען, שרייען איר אין פּנים אַריין, אַז עס איז שקר וכזב, אַז עס הייבט זיך בכלל נישט אָן, אַז עס איז אַ בילבול...

זי וועט מוזן זיין מער פאָרזיכטיק פון איצט אָן. באַזונדערס וואָס זי ווייסט, אַז ער האָט אַ פרוי און קינדער... מסתמא האָט ער אַ שיינע פרוי און אַ יונגע, אַזוי ווי ער איז אַליין. און אַ זייער אייפערזיכ־טיקע. וועגן אַזאַ מאַן מעג מען זיין אייפערזיכטיק. ווען זי האָט אַזאַ מאַן, וואָלט זי עס אויך געווען, נאָך ווי! זי וואָלט אים געוואָלט האַלטן נאָר פאַר זיך, נאָר פאַר איר אויסשליסלעכער הנאה, פאַר זיך אַליין...

זי וועט אים איצט הייסן קומען זעלטענער. און זאָל ער קומען

ווען עס איז נאָך טאָג, איידער מישעל קומט. און אַוועקשטעלן זיין אויטאָ זאָל ער ערגעץ ווייט צווישןביימער, נישט צוצוציען די אויפ־מערקזאַמקייט...

יעל האָט געוואַרט ביי דער טיר, און זי געעפנט ברייט, אַז שרונה זאָל קאָנען אַריינפאָרן אומגעשטערט מיטן פאָטעל. זי האָט געקוקט מיט אירע שפּיציקע און רירעוודיקע אויגן אויף דעם שווערן, האַלב־פּאַראַליזירטן קורגאַסט און אויף שרונהן. אויף איר פּנים איז געווען אַן איראָנישער שמייכל, אַ געפּיל פון תּקיפות, ווי ביי איינעם וואָס ווייסט סודות, וואָס איז אוחז ביד, און פייפט דעריבער אויף דער וועלט...

שרונה האָט איר געוואָלט שרייען אין פּנים אַריין, אַז עס איז נישט אמת, אַז זי מאַכט אַ טעות. אַז מישעל מאַכט אַ טעות. אַז עס איז אַ בילבול. זי האָט געוואָלט זאָגן, אַז עס איז אויך נישט אמת, אַז וויקטאָר האָט אַ פּרוי מיט קינדער, נישט אמת. זי, יעל, זאָגט עס מיט אַ בייזער כּוונה, כּדי איר וויי צו טון. אפשר איז זי גאָר אייפער־זיכטיק ; אפשר טאַקע ?...

ביים אַריינגאַנג אין דער מענער־אָפּטיילונג, האָט זי איבער־געגעבן דעם פּאַציענט אין די הענט פון ניסימען.

יב

שרונה האָט ביי זיך פעסט באַשלאָסן אָפּצושטויסן אים. איבער־צורייסן מיט אים. איידער עס ציט זי אַריין אין אַ לאַנגער און פאַר־וויקלטער אַוואַנטורע. איצט איז נאָך צייט. אפשר ווייסן דערוועגן נאָר געציילטע מענטשן. איידער עס דערוויסט זיך וועגן דעם זיין פרוי.

ווען ער איז אַריין צו איר, האָט זי געהאַט גרייט די פּאָר קאַטע־גאָרישע ווערטער, וואָס זי האָט גערעכנט אים צו זאָגן. זיי זענען אָבער געבליבן אין איר קעל, נישט געקאָנט זיך דורכשטופּן צווישן זייערע פיר צונויפגעקלאַמערטע ליפּן.

ער האָט זי גענומען אין זיינע שטאַרקע און לאַנגע אָרעמס, צוגעדריקט פעסט צו זיך און אויסגערופן מיט אַ געלעכטער: „דו קומסט דאָך אין גאַנצן אַוועק אין מיינע הענט!"

„איך וויל אַוועקקומען, וויקטאָר, איך וויל אַוועקקומען, וויק־טאָר!" — האָט זי געזאָגט בעטנדיק, און איבערגעחזרט נאָך אַנאַנד דאָס זעלבע.

און, ווען ער האָט זי צוגעדעקט מיט זיין שווערן און ברייטן גוף, האָט ער געזאָגט שטיל, אין אירע האָר אַריין: „שוין, ביסט נישטאָ, ביסט נישטאָ, ווייסע פּרינצעסין, שוין... אַוועקגעקומען, נישטאָ".

„נישטאָ" — האָט זי איבערגעחזרט, ווי אַ שטילער רעפּרען און ווייטער ווידערקול. „נישטאָ, מיין סאַטיר, נישטאָ, וויקטאָר, נישטאָ". און צוגעגעבן נאָך אַ ווייל: „נישטאָ מער. כ'וויל נישט זיין מער. גענוג שוין! איך וויל אַוועקקומען, אַוועק..."

דאָס איז געווען דאָס ערשטע מאָל, וואָס ער פאַרבלייבט אַ גאַנצע נאַכט מיט איר. זי האָט אים געהייסן אַוועקגיין איידער עס נעמט טאָגן, און דורך אַ הינטערשטן פענצטער, וואָס פירט אויף אַ דאַך, אונטער וועלכן עס געפינט זיך דער טעכנישער וואַרשטאַט פון אַנשטאַלט. פון דאַך איז געווען לייכט אַראָפּצושפּרינגען. דערנעבן זענען געוואַקסן הויכע גראָזן און צירבלומען.

„זייַ פאָרזיכטיק" — האָט זי געבעטן. „פּאַס אויף. האַלט זיך גוט צו. שפּעטער, פונעם דאַך, איז גענוג אַראָפּצולאָזן דעם קערפּער, צוהאַלטנדיק זיך פעסט מיט די הענט אינעם אַרויסשטייענדיקן, באַזאַלטענעם דאַכראַנד".

ער האָט געטון ווי זי האָט געהייסן. דערנאָך, האָט ער געשלייכט אינעם גראָז, צווישן די בלומען, פאַרקראָכן צווישן די ווילע־הייזער פונעם האָטעל־גאָרטן, דורכגעהאַקט דאָס פעלד פון די אויסגראָבונגען, און אַריין אין זיין לאַסטאויטאָ, וואָס האָט געוואַרט אויף אים צווישן צוויי ריזיקע פּאַלמעס.

מישעל האָט דאָס נישט געזען. ער איז גראָד געווען אויף דער פאָדערזייט פון בעדער־בנין. אָבער, מיטן שפּראָץ פון טאָג, ווען ער האָט געמאַכט זיין לעצטן קאָנטראָלטור, פאַרן אַוועקגיין, האָט ער באַמערקט דאָס צעטרעטענע גראָז, די צעשעדיקטע בלומען און שפּורן פון טריט, טיף איינגעשניטענע שיך־אָפּדרוקן אין דער ערד, וואָס אליהו, דער גערטנער, האָט געהאַט אויפגערודערט מיט אַ טאָג פריער און באַגאָסן מיט וואַסער. אַזוי ווי דער טייל פון די בנינים געפינט זיך אין שאָטן, און גאָר זעלטן דערגייען אַהין צו זונשטראַלן, איז די ערד נאָך געווען פייכט, און די טריט — ווי אָפּגעגאָסן אין קוים אָפּגעקילטן בליי.

מישעל, וואָס איז געבוירן און אויפגעצויגן געוואָרן אין אַלזשיר, האָט געהאַט גוט אַנטוויקלטע חושים פון פּרימיטיווע מענטשן, ווי די אַראַבער, צווישן וועלכע ער האָט פאַרבראַכט די ערשטע פינף און

צוואַנציק יאָר פון זיין לעבן. פון זיי האָט ער אויך איבערגענומען אַ נייגונג חושד צו זיין, אַ געניטן אויסשפּיר־חוש, אַ רייכע פאַנטאַזיע און אַ בלינדן גלויבן אין די אינטערפּרעטאַציעס, וואָס די פאַנטאַזיע רוקט אים אונטער.

ער האָט געמאַכט אַ פּשוטן חשבון, צו וועלכן מ׳האָט נישט דווקא געמוזט זיין אַ ספּעציעלער בעל־דמיון; נישט אַנדערש, אַז דאָס איז וויקטאָר געשפּרונגען ביי נאַכט פון איר פענצטער. לויט דער גרייס פון די שיך איז אויך געווען לייכט זיך צו כאַפּן צו וועמען זיי געהערן זיך אָן. דערצו, זענען די אָפּדרוקן פון די טריט געווען אַ סך טיפער אונטערן דאַך, בעתן פאַלן, ווי די ווייטערדיקע. ער האָט אים געדענקט פון די סקאַנדאַלן אין אַנשטאַלט, נאָך דער הילולא דרבי מאיר. דערנאָך האָט ער אים באַמערקט, ווי ער דרייט זיך אַן אָוונט אַרום שרונהס דירה, און געזען זיין אויטאָ אַקעגן איבער, וואַרטן אויף אים... ער האָט פאַרגעדענקט פון אים צוויי זאַכן: דעם גרויסן, ווילד פאַרוואַקסענעם קאָפּ, מיט די לאַנגע באַקנבערד און זיינע גרויסע פיס. ער האָט געטראַכט, אַז ער מוז זיך איינבררענגען שפּאָר געלט, וואָס ער דאַרף נישט גיין מיט אַזעלכע האָר צום פריזירער; אָבער, פון דער צווייטער זייט — מוז ער אויסגעבן מער אויף די פיס. ווייל אַזאַ גרויסן נומער שיך מוז ער זיכער ברענגען פון חיפה, אָדער תל־אביב, ווייל זעלטן ווער נייטיקט זיך אין אַזאַ גרויסן נומער דאָ, אין שטאָט.

יג

מיטן אָנקום פון פרימאָרגן, האָט דאָס פייגל־געזאַנג צוערשט, דערנאָך דער רעש פון וועג און דער טומל פון די ערשטע קורגעסט, זיך געריסן אין שטוב אַריין, און געריסן די הנאה־פּעדעם, אין וועל־כע זי איז געווען פאַרוועבט. זי איז געלעגן אין דער פּאָזיציע, אין וועלכער וויקטאָר האָט זי געלאָזן, און געוואָלט אַזוי בלייבן תמיד, תמיד.

ווען זי האָט געהערט זיך דערווייטערן די טריט פון וויקטאָרן, און דערנאָך דעם רעש פון מאָטאָר, וואָס פירט אים אַוועק צו זיין ווייב, איז זי באַפאַלן אַ שלאָף. און אין שלאָף האָט זי געזען זיין ווייב, הגם זי האָט זי נישט געקענט, און ביז ערשט נישט געוווּסט, אַז זי איז בכלל פאַראַן. זי איז אַ שיינע, זיין פרוי. וויקטאָר וואָלט דאָך נישט גענומען קיין מיאוסע פרוי. ער האָט אַ גוטן געשמאַק. אַז ער האָט זי אויסגע־ווילט, שרונהן, איז דער בעסטער באַווייז דערצו... אָט ליגט זי, די שיינע פרוי זיינע, וואַרט אויף אים אומגעדולדיק, אויף זיינע קרעפּ־טיקע הענט. און ער — דרייט זיך אויס צו איר מיטן רוקן... נאָך דעם ווי ער האָט זיך צוגעריירט צו איר, שרונהס, איידעלער הויט, וועט ער דאָך נישט וואַגן זיך צוצורירן צום ווייבס לייב... ער וועט זיך מער צו זיין ווייב נישט צורירן. ער געהערט בלויז צו איר, צו שרונהן. נאָר צו איר. נישט אַזוי ווי עמירם... ער האָט געהערט אויך צום לופט־פלאָט... ער האָט זי ליב געהאַט. אָבער ער האָט אויך ליב געהאַט זיין פאַנטאָם, דאָס פליען אין די הייכן. ער האָט ליב געהאַט דאָס וואַרע־מע בעט אירס און איר זיכערע שויס. אָבער ער האָט נישט ווייניקער

ליב געהאַט דעם קאַלטן ווינט אינעם חלל, און די סכנה. זי ווייסט נישט װעמען און װאָס ער האָט מער ליב געהאַט. זי האָט עס קיין מאָל נישט געוווּסט... אַפילו, ווען ער האָט זי באַשלאָפן, האָט זי נישט געוווּסט צי ער איז אין גאַנצן באַהאָפטן מיט איר, און צי איז ער נישט גיכער ערגעץ אין דער לופטן...

אָבער וויקטאָר — ער איז אין גאַנצן אירער, אין גאַנצן מיט איר, מיט אַלע זיינע גלידער און חושים. דעריבער איז די הנאה אַ גאַנצע, אַזאַ ווי זי האָט נאָך אין איר לעבן נישט געהאַט... ער געהערט אין גאַנצן צו איר, צו איר, און נישט צו זיין געזעצלעך ווייב, נישט צו זיין לאַסטאָויטאַ, נישט צו זיינע ברעטער... ער ליגט אויסגעדרייט מיטן רוקן צום ווייב, און זיין פּנים, אַלע זיינע מחשבות און באַגערן זענען געוואָנדן צו איר, צו שרונהן, נאָר צו איר...

אַ שטאַרק קלאַפּן אין טיר האָט זי אַרויסגעריסן פון בעט.

„וואָס איז מיט דיר היינט? עס איז שפּעט. שטיי אויף, שוין צייט!"

זי האָט דערקענט דעם קול פון יעלן.

זי האָט געענטפערט מיט אַ לאַנגן און הילכיקן גענעץ, נישט באַמיענדיק זיך צו פאַרשטעלן דאָס מויל. דאָס איז געווען אַן אויס־דרוק פון גרינגשאַצונג און עקל־געפיל לגבי יעלן, און אַ פּראָטעסט הלמאַי מ'שטערט איר, מ'לאָזט איר נישט געניסן איר גרויסן גענוס, מען פאַרגינט איר נישט.

יעל האָט איר דערלאַנגט אַ גרויסע טאַס הייסע און שטאַרק'ע קאַפע, וואָס האָט פאַרריסן די נאָז.

„זעסט אויס מיד, שרונה" — האָט יעל געזאָגט צו איר.

שרונה האָט געגעבן אַ זופּ פון דער טאַס מיט רעש, במקום תשובה, און נישט אָפּגעהויבן דעם קאָפּ פון טיש.

„האָסט אַזעלכע רויטע אויגן" — האָט יעל ווייטער באַמערקט, אונטערשטרייכנדיק יעדע זילבע.

שרונה האָט געגעבן נאָך אַ זופּ, און מיט נאָך מער רעש.

„ביסט טאָקע געשלאָפן ביז אין ווייסן טאָג אַריין, אָבער דאָך זעסטו אויס נישט אויסגעשלאָפן, ווי דאָס שלאָפן וואָלט דיר נישט געלעגן אין קאָפּ״.

ווער ווייסט ווי לאַנג זי וואָלט זי געמאַטערט מיט אירע אָנצו־הערענישן, ווען עס קומען נישט פּלוצעם געסט, יונגע מענטשן, באַ־גלייט מיט אַ ווילדן קונדס. זיי האָבן פאַרלאַנגט אַ קאַלטן „שוועפּס־לימון״, און דער קונדס — אַ הייסן קאַקאַאָ אויף מילך. יעל האָט געזאָגט, אַז עס וועט מוזן דויערן, ביז זי וועט צוגרייטן. זעלטן פאַר־לאַנגט מען ביי איר קאַקאַאָ אויף מילך. האָט זיך דאָס יינגל געביי־זערט, געשריגן, גערעדט גראָבע רייד ,אַריין צו יעלן אין קיך, און עס האָבן זיך געהערט אירע קוויטשערייען, דער קלאַנג פון צעבראָכן גלאָז, פון צעבראָכענע טעלערס.

די געסט האָבן געלאַכט, ספּאַזמירט פון געלעכטער, שטאַרק אָנ־געקוואָלן פון זייער יונגן באַגלייטער און זיינע שטיק.

שרונה האָט רואיק אויסגעטרונקען איר קאַפע, און איז אַוועק צו דער אַרבעט.

יד

די נאַענטסטע נאַכט האָבן זיי פאַרבראַכט אינעם הויכן גראָז, וואָס ביים איינגאַנג אין דער הורדוס־הייל. דאָ שפּראָצט אַרויס דער גרויסער קוואַל, וואָס שטעלט צו דאָס וואַסער פאַר די וואַרעמבעדער. דאָס הייסע וואַסער טיילט דאָ אויס אַ וואַרעמען דאַמף, צוזאַמען מיט אַ שטאַרקן ריח פון שוועבל. טראָץ דעם וואָס דער אָוונט און די נאַכט זענען געווען קיל, איז דאָ וואַרעם, ווי אין אַ געהייצטן חלל. בלומען וואַקסן דאָ בשפע, ווי די שכנות פונעם קוואַל און דער שוועבל וואָלטן גוט געווירקט אויף זיי — און טיילן אויס שטאַרק שמעקעדיקע ריחות, וואָס קאָנקורירן מיט דערפאָלג מיטן ריח פון די אַרומיקע קוואַלגאַזן.

שרונה איז אַרויפגעגאַנגען פאַרן אויסגיין פון טאָג, איידער מישעל קומט. פאַר מאירן, דעם טאָגהיטער, דאַרף זי זיך נישט היטן. ער טוט זיין אַרבעט מער לשם יוצא זיין. ביי טאָג איז די סכנה קנאַפּער, היט ער קנאַפּער.

וויקטאָר איז געקומען ווען עס איז געווען גוט פינצטער. ער האָט געלאָזן זיין אויטאָ ביי גני־מנורה, ווייט אָוועק, גענומען אַ צודעק, מיט וועלכן ער פאַרדעקט די ברעטער, און דורכהאַקנדיק די אָפּהאַנגען פון הורדוס־באַרג, זיך באַהאַלטן צו איר.

דער רעש פונעם אַרויסשפּריצנדיקן קוואַל און פון שטראָם־געווירבל ביי דער קאַפּטיר־אינסטאַלאַציע און ווו דאָס וואַסער ווערט אַריינגעשיקט אין רערן, האָט אין אָנהייב געשטערט. אָבער ער איז גיך געוואָרן צו זייערע אויערן און געמיטער ווי מוזיק, וואָס גיט דעם

ריטעם, וואָס צעשטורעמט די בלוטן, וואָס שלעפּערט איין. אויך דער שוועבל־ריח האָט זיי מער נישט געשטערט.

און ווען מישעל איז אַוועק, איז שרונה אַראָפּ צו זיך אין צי־מער. און וויקטאָר צום לאָסטאַוויטאָ, צו נעמען ברעטער אין קיבוץ.

זיי וואָלטן ווייטער זיך באַגעגנט אויבן, נאַכט־איין, נאַכט־אויס. ווען נישט אַ צופאַל, וואָס צוליב אַ שטורמווינט איז דער קאַפּטיר־סיסטעם נכשל געוואָרן. אַנשטאָט אין גאַנצן אַריינצודרינגען אין די רערן, איז דאָס וואַסער אַרויס טיילווייז דערנעבן, פאַרפּלייצט דעם אַריינגאַנג צו דער הייל, די גראָזן און בלומען אַרום.

זענען זיי אַראָפּ, געשלייכט זיך לינקס, אין דער ריכטונג פון רבי מאירס קבר. דאָ איז שטיל. קיינער קומט איצט נישט באַזוכן די מערה פון הייליקן. די ישיבה־בחורים שלאָפן אַ טיפן שלאָף. פון עטלעכע יונגע קעלן רייסט זיך אַ מאַטערנדיק שנאָרכן. דער כינרת האָט אויס־געבעט אַ באַקוועם געלעגער פאַר אַ גרויסער לבנה, און וויגט זי איין אויף זיין ציטערדיקער שויס.

זיי האָבן אַוועקגעלייגט די דעק ביי דער מויער, וואָס גרענעצט אָפּ דעם גרויסן שטח, וווּ עס צעלייגן זיך מיט זייערע משפחות די, וואָס קומען פון ווייט צו דער הילולא.

וויקטאָר האָט זיך דערמאָנט די סצענע מיט די האָר, וואָס דער ווינט האָט פאַרטראָגן אויף אים אַרויף, אויף זיין לייב און האָר. אויפן בלויזן געדאַנק, האָט ער גענומען זיך וואַרפן, זיך שויבערן, ווי עמעץ וואָס ליידט אויף דער וואַרפקרענק. ער האָט זיך פּלוצעם צעלאַכט: „עס איז ווי רבי מאיר וואָלט געווען אונדזער שדכן, שרונה, האָ? אַ גרויסער שדכן, אַ גרויסע ליבע, גרויסער שדכן — גרויסע ליבע".

פּלוצעם האָבן זיי דערהערט טריט. זיי האָבן איינגעהאַלטן דעם אָטעם.

„מישעל" — האָט זי געזאָגט — „אָדער יעל. זיי שפּיאָנירן מיך, די ממזרים".

זיי האָבן זיך צוגערוקט צום ווינקל צווישן דער ערד און דער מויער, און צוגעדריקט זיך פעסט, אויסצומישן זיך מיטן דאָרטיקן שאָטן.

„און אפשר תרצה?"

„ווער איז תרצה?"

„תרצה איז מיין פרוי. איך האָב דיר ביז איצט נישט געזאָגט".

„איך ווייס, אַז דו האָסט אַ פרוי".

„און נישט אָפּגעשטויסן מיך?"

זי האָט געשוויגן, געאָטעמט הויך. די טריט האָבן זיך דער־נענטערט, דערנענטערט. פּלוצעם — אַנטשוויגן געוואָרן.

„כ'האָב זיך ערשט לעצטנס דערוווּסט".

„און טראָץ דעם..."

„פאַרקערט, פאַרקערט..."

די טריט האָבן זיך ווידער דערהערט. אָבער ווי זיי וואָלטן זיך נישט גערירט פון אָרט; ווי איינער וואָלט געטרעטן כסדר אויפן זעלבן אָרט. צוזאַמען מיטן טויבן אָפּקלאַנג פון טריט, האָבן זיי פּלוצעם דערהערט שטילע רייד, ווי עמעץ וואָלט געפּליסטערט אין אויער פון אַ באַגלייטער.

„אפשר אַ ליבע־געפּליסטער פון אַ פאַרליבט פּאָרל, וואָס זוכט אַ פאַרבאָרגענע, גרויסע ליבע, ווי מיר?" — האָט ער געפרעגט, און געזויגן דעם לעפּל פון איר אויער.

„די נאַטור איז פול מיט ליבע" — האָט זי געזאָגט — „און ווייל איז די, וואָס געפינען דעם ריכטיקן וועג צו איר, און ווייסן צו געניסן פון איר אין דער פולסטער מאָס".

זיי האָבן גיך דערקענט, אַז דער קול איז אַ קול־תפילה. שרונה האָט זיך אויפגעזעצט, צוגעשפּיצט דאָס געהער. זי האָט דערקענט די

שטים. דאָס איז ר׳ אַבי איש טבריה. זי האָט נישט געוווּסט, אַז ער איז שוין געקומען פון ירושלים. ווען עס ווערט דאָרטן קאַלט, קומט ער אַהערצו זיך אָנוואַרעמען. ער פּראַוועט חצות אין די הרי נפתלי, און טוט תפילה צווישן דיביימער ביזן טאָג אַריין. ער בעט פאַרן פאָלק ישראל, אַז עס זאָל אויסגעלייזט ווערן פון די שונאים, זיי זאָלן נישט האָבן קיין שליטה איבער יידן, און אַז ווייכער זאָל ווערן דאָס האַרץ פון כביכול צו זיין האַרטנעקיק פאָלק ,וואָס איז טאַקע זינדיק, אָבער זיינס... און פאַר טאָגס נעמט ער דער ערשטער אַ באָד. זי באַגריסט אים תמיד, און ער ענטפערט איר מיט אַ צעשמייכלט פּנים: „בוקר אור, טאָכטערשי״. און נאָכן באָד, גייט איר אין ישיבה.

„היושב במרומים״ — האָבן זיי געהערט ווי ער טענהט זיך אויס מיט די הימלען. „גאָט, רחמנו כרחם אָב על הבנים. וועסט דו דען געפינען אַ בעסער פאָלק ווי פאָלק ישראל? האָסט גאָרנישט גע־מאַכט אַזאַ שלעכט געשעפט מיט דיין אויסוואַל... וועסט אויסגיין ווי די וועלט האָט נאָך אַן עק, און וועסט נאָך אַזאַ פאָלק ווי יידן און אַזאַ מדינה ווי ישראל נישט געפינען, בשום אופן נישט. איך וועט זיך מיט דיר, אבינו שבשמים. נו, זיי אַ פאָטער און אַ גערעכטער. זיי מכפר און לייז אויס דיין פאָלק פון די, וואָס ווילן אים טון נאָר שלעכטס... אויב דו ווילסט עס נישט טון פאַר זיי, טו עס פאַר דיין שליח,דעם אור גדול, רבי נחמן, דעם נחל נובע מקור חכמה... עפן די אויגן פון דער זינדיקער וועלט, אַז זי זאָל דערזען דאָס גרויסע ליכט, דאָס ליכט איבער אַלע ליכטער... ווי עס בעט דיך רחמים דיין עבד, ישראל בער איש טבריה, בן אייזיק דעם סגי־נהור, בן בנימין זאב, אָדעסער דיין... און ווי עס טאַנצט און וויינט שפּרינגענדיק און חדווהדיק, מיט טרערן פון פרייד און שמחה שבלב, איך — דער תלמיד פון ר׳ ישראל אַלפּערין, דעם קאָרדונער, אויף וועלכן עס איז געפאַלן דאָס ליכט פון רבי נחמן פון בראַסלאַוו...״

זיי האָבן געהערט די תפילהדיקע רייד, איבערגעריסענע דורך פריידיק־עקסטאַטישע אויסרופן, אַ געמיש פון פרומער עברי מיט

חסידישן יידיש, באַגלייט מיט טאַנצנדיקע טריט, און קלאַפּן אין די האַנטפלאַכן. דיביימער אַרום, די באַרג־אַראָפּהאַנגען, די צוויי קאָפולן איבער דער רבי מאיר־מערה, דער כינרת און די לבנה — האָבן געענטפערט מיט אַ הילכיקן ווידערקול, וואָס האָט לאַנג געציטערט אינעם חלל, און אים אויסגעפילט מיט סוד און מיט יראה.

טו

דערנאָך האָבן זיי זיך באַגעגנט אינעם הויכן ווילדגראָז, ביים כינרת־ברעג, רעכטס פון דער פּריוואַטער פּליאַזשע פון גני־מנורה. עטלעכע אַקאַציע־ביימער, מיט געדיכט צעבלעטערטע צווייגן און אויסגעקרימטע וואָרצלען, דינען דאָ ווי אַ באַהעלטעניש קעגן אומדיסקרעטע אויגן, וואָס האָבן ליב צו זען ווי מענטשן טוען זיך אויס, און טוען זיך אָן, פאַר און נאָכן באָד. די וואָס באָדן זיך זוכן דאָ אויך שאָטן, מידע פון צופיל זון, אָדער שוץ קעגן אַ פּלוצעמדיקן חאַמסין־שטורעם.

שרונה האָט עס געהאַלטן פאַר אַ זיכער אָרט. קיינער קומט דאָ נישט באָדן זיך נאָכן אויסגיין פון טאָג. די ישיבה־בחורים קומען אַהער פאַר מנחה, זענען זיך טובל, און ווערן נעלם. נאָך מעריב גייען זיי שוין מער נישט אַרויס. די קורגעסט, מידע פון די בעדער, פון די בלאָטעס און אַנדערע באַהאַנדלונגען, פאַרברענגען ביי קאָרטן, ביים באַר, ביי פאַרווייל־מוזיק, אָדער זוכן אַנטשפּאַנונג אין געיעג נאָך דערפּאָלג. זעלטן זענען די, וואָס זוכן הנאה אין דער פרישער לופט און אין שפּאַציר לענג־אויס דעם ברעג; זיי דערגייען קיין מאָל נישט מחוץ דעם תחום פון קוראָרט. און ר׳ אבי קומט נישט צום וואַסער אַראָפּ, ווייל שווער איז אים שפּעטער צו דראַפּען זיך אַרויפצו, מיט זיינע אַלטע און קראַנקע קני.

און מישעל? דאָ איז שוין מחוץ פון זיין וואַכגעביט. דעמאָלט, ווען ער באַגעגנט זיך מיט מאירן אינעם וואַכשטיבל, און זיי רויכערן אַ ציגאַרעט, בעתן בייטן זיך מיט די פונקציעס — קומט זי

אַהערצו. און פּאָר טאָגס, ווען זיי זענען ווידער אין וואַכשטיבל, גייט זי צוריק, אין שוץ פון ערב־טאָג.

וויקטאָר קומט שפּעטער. ער געפינט אויס אַ תירוץ פאַר זיין פרוי. ער גייט כלומרשט היטן די האָלץ־לאַגערן אין קיבוץ. די קיבוץ־ניקעס זענען מיד נאָך אַ שווערן טאָג אַרבעט. טייל זענען אין מילואים. אַרבעטס־הענט פעלן אויס. דאַרף מען אונטערשטעלן אַ פּלייצע, שווערע צייטן. יעדער דאַרף טאָן מער ווי זיין פליכט... ער שטעלט דעם לאַסטאויטאָ ווייט אַוועק, און שאַרט זיך פּאַזע דעם ברעג צו שרונהן. פּאַר טאָגס פאָרט ער ווייטער, צו דער אַרבעט, אין קיבוץ.

אַנומלט האָט שרונה באַמערקט אַ פישער־שיפל נעבן ברעג. אַ פישער האָט עס געלאָזן דאָ, פאַרפעסטיקט מיט אַ דיקן שטריק אין אַ שטאַם פון אַ בוים. דאָס שיפל האָט זיך געהוידעט און געקלאַפּט מיט אַ זייט אין זאַמדיקן ברעג, ווי עס וואָלט וועלן זיך אַוועקלייגן אויפן יבשה־ראַנד, און אויפהערן זיך וואַרפן כסדר לויטן באַפעלע־רישן רצון פון די צעווינטיקטע כוואַליעס.

וויקטאָר האָט דערקענט דאָס שיפל, לויט די דריי פּאַספּאַר־אותיות מזל, וואָס האָבן אַראָפּגעשיינט, ווי גלי־ווערעמלעך, פון דער פאָדערוואַנט, נאָענט צו די שפּיץ־ווינקלען. די לבנה האָט זיך רחבותדיק צעלייגט אין דער ברייטער עפענונג פון שיפל, און באַ־לויכטן די זעלבע דריי אותיות אויף ביידע לעפל פון דער ווסלע.

„דאָס איז די שיף פון רחמים קיקי, אַ פישער בן פישער, זייט דורות. ער האָט געגעבן דעם שיפל אַ נאָמען „מזל", ווייל נישטאָ קיין מזל אין דער משפּחה. אַ זיידע זיינעם האָבן אַראָבער פאַרנאַרט אין מיטן כינרת און דערטרונקען. אַ פעטער זיינעם האָט אַ פּלוצעמדי־קער שטורעם פאַרטראָגן אויף צעווילדעוועטע כוואַליעס, און דריי טעג שפּעטער האָט דאָס וואַסער אים אַרויסגעוואָרפן. זיין פאָטער איז געטראָפן געוואָרן פון אַ סירישער קויל, פון גולן אַראָפּ, גראָד אין קאָפּ, בעתן כאַפּן פיש אויפן כינרת, און זייט דעמאָלט פאַרלוירן

דאָס לשון און די קראַפט פון די גלידער אין איין זייט פון קערפּער. זיין ברודער האָט, בעת אַמפיביע־מאַנעווורעס אויפן כינרת, גע־כאַפּט אַ שווערן זונשלאַק, און זייט דעמאָלט גייט ער אַרום אַ פּאַר־חושטער. ער, רחמים קיקי, איז בעת די באַפרייַ־קאַמפן פון טבריה און סביבה געווען דער פאַרבינדלער פון די יידישע קעמפּערס, און געפאָרן צווישן צמח און גינוסר, ווו ס'האָבן זיך געפונען שטאַב־אָפּ־טיילונגען. כדי ער זאָל נישט טיילן דעם גורל פון זיינע קרובים, האָט ער אָנגערופן דאָס שיפל מיטן נאָמען „מזל", אַז עס זאָל אָפּגעטאָן ווערן פון אים אַלדאָס בייז, און נאָר מזל זאָל באַגלייטן אים און די, וואָס וועלן זיך באַנוצן מיטן שיפל. דער נאָמען פון זיין פרוי, וועל־כע ער האָט לאַנג געזוכט, איז אויך מזל. דאָס איז געווען איינע פון די סיבות וואָס ער האָט חתונה געהאַט ווי אַן אַלטער בחור, און וואָס דווקא זי איז אים אַריין אין האַרצן. זי איז זיינס, וויקטאָרס, אַ ווייטע קרובה אגב".

שרונה האָט זיך צוגעהערט צו זיינע רייד, געטוליעט זיך צו אים, געקוקט אויף דער לבנה, וואָס הוידעט זיך מיט אַ האַלבן לאַבן אויפן באָדעם פון שיפל, און געזען ווי עס גלאַנצן די אותיות אויף די ווערסלע־לעפל.

„זי איז אַ שיינע, מזל, איז זי?" — האָט זי געפרעגט.

„זי איז געווען די שענסטע און די וויבלעכסטע פון אַלע מיידן אין דער גאַנצער געגנט".

„נישט קיין וואונדער, זי איז דאָך דיין קרובה".

„אַ ווייטע קרובה".

„ווי אַ ווייטע קרובה איז זי די שענסטע און די וויבלעכסטע אין דער גאַנצער געגנט. היינט ערשט — ווען זי איז אַ נאָענטערע".

„און זי איז נאָך תמיד שיין, מזל".

„און זי איז שענער ווי תרצה, האַ?"

ער האָט זיך צוגעדריקט צו איר און געביסן אירע ליפּן אַנשטאָט צו ענטפערן.

„שענער ווי תרצה, האַ?״ — האָט זי אָפּגעוואָנדן איר קאָפּ און איבערגעפרעגט.

„יעדנפאַלס, נישט שענער פון דיר, נישט שענער ווי דו, נישט שענער!״ ער האָט זי פעסט אַרומגענומען און איינגעגראָבן זיין קאָפּ אין איר לאַנגן האַלדז.

„און ווייבלעכער ווי איך?״ — האָט זי געפרעגט.

„ניין. דיין ווייבלעכקייט איז אַן אַנדערע, אַן אַנדערע, גאָר אַן אַנדערע. ביי מזלען וואַרפט זי זיך אין די אויגן, מיט די אַרויס־שטייענדיקע און אַרויסרופערישע פאָרמען אירע... אָבער ביי דיר מוז מען זי זוכן, מוז מען זי אַרויסרופן... און אַז מען זוכט און מען גע־פינט, שמעקט עס אַנדערש, גאָר אַנדערש״.

„און ביי תרצהן?״

„זי איז פון זעלבן טייג וואָס מזל, פון דעם זעלבן״.

„ביי איר דאַרפסטו נישט זוכן?״

„ביי איר איז אַלץ גרייט... ווי אַ טיש וואָס איז אָנגעשטעלט מיט עסן פון פריער; דאַרפסט דיך נאָר נעמען צו דער אַכילה. אַזש עס גייט אויבן־אַרום... עס שמעקט גאָר אַנדערש, ווען דער טיש איז ליי־דיק און מען דערלאַנגט דיר צו ביסלעך, ווען דו זעסט ווי מען סער־ווירט דיר פון כל טוב בהדרגה, ביז דאָס סאַמע בעסטע, דאָס סאַ־מע בעסטע...״.

טז

צו מאַרגנס האָט זי געוואַרט אויף אים אינעם שיפל.

ער האָט זי געזוכט אין גראָז, צווישן די געדיכטע ביימער־צווייגן. דער הימל איז געווען פאַרוואָלקנט. נאָר ערטערווייז האָבן ברעק־לעך לבנה זיך געריסן דורך שיטערע וואָלקן־געוועבן, און געבליבן הענגען אין אַ נעץ, הויך איבערן כינרת.

ער האָט זיך געחידושט, וואָס ער זעט זי נישט. וואָס איז געשען? צי האָט זי עמעץ באַמערקט, און זי האָט געמוזט זיך אומקערן? אפשר האָט זי נישט געקאָנט זיך אויסהיטן פון נאַכטוועכטער, אפשר איז גראָד עמעץ געקומען צו איר פון די קוראָרט־אָנפירערס, און אפשר האָט תרצה געדרייט זיך דאָ אָדער גאָר געגאַנגען זי וואָרענען, דראָען? ער האָט לעצטנס חושד געווען, אַז זי מוז עפּעס וויסן. זי האָט אים געגעבן אָנצוהערן, שטעלן פראַגן וועגן געטרייקייט, צי ער וואָלט זי געקאָנט פאַרראַטן, זי און די קינדער. זי האָט עפּעס נישט געגלייבט אים, אַז ער גייט טון נאַכטאַרבעט אין קיבוץ, נאָר אַ גאַנצן טאָג פון שווערער פּראַצע, און אַרומטליקען זיך איבער די וועגן פון גליל העליון מיטן געהילץ. ער וועט דאָך אַרויסרופן אַן אומגליק מיט זיין אויטאָ, נאָר אַ נישט אויסגעשלאָפענער נאַכט... זעט אויס, אַז פּאַ־ראָן ציגנער, וואָס טראָגן צו, וואָס האָבן ליב זיך צו מישן אין יענעמס אינטימע עסקים, און האָבן הנאה פון סקאַנדאַלן ביי יענעם, לעבן זיך אויס אין אינטריגעס. אָדער אפשר גאָר נישט־פּאַרגינערס, נישט־פּאַרגינערינס? מ׳פּאַרגינט אים נישט די ליבע מיט דער אַשכנזישער שיינקייט, מיט דער ווייסער פּרינצעסין.

ער האָט זיך צוגעזעצט אויפֿן גראָז. ער האָט באַשלאָסן צו־וואַרטן. אפשר וויל זי אים גאָר אויסשטעלן אויף אַ נסיון, זען צי ער וועט וואַרטן אויף איר און ווי לאַנג. ווער ווייסט וואָס עס טוט זיך אונטערן שאַרבן פֿון אַן אַשכנזישער טאָכטער? זי איז דאָך די ערשטע פֿון דעם מין, מיט וועלכער ער פֿאַרבינדט זיך אַזוי אינטים, און תיכּף אַזוי שטאַרק.

שרונה איז געלעגן צוגעטוליעט צו אַ זייט, אינעם בויך פֿון שיפֿל, זיך צוגעהערט צו זיינע טריט. זי האָט אַרויסגעשטעקט פֿון צייט צו צייט דיסקרעט אַן אויג, געזען זיין אומגעדולדיק אַרומדרייען זיך, געהערט ווי עס סקריפּען אויסגעטריקנטע ברעגגראָזן אונטער זיין געזעס. זי האָט געוואָלט וויסן ווי לאַנג ער וועט וואַרטן, ווי לאַנג עס וועט דויערן זיין געדולד, ווי לאַנג זיין האַרץ וועט אים דיקטירן צו וואַרטן אויף איר.

זי האָט געפֿילט, אַז זי האַלט אים פֿעסט, אַז ער קלעפּט צו איר, נישט ווייניקער ווי זי צו אים. די ליבע זיינע צו איר איז ענלעך צו דער, וועגן וועלכער זי האָט געחלומט, איידער זי האָט באַקענט עמירמען... זייט זי האָט זיך באַקענט מיט וויקטאָרן, איז זי ווי איבער־געאַנדערשט געוואָרן, ווי נייע בלוטן וואָלטן אַריין אין אירע אינגעווייַדן, און געוועקט אין איר געפֿילן, וואָס שטייגן אַריבער יעדע פֿאָרשטעלונג. נישט נאָר זיין לייכטסטער צוריר, אָדער בליק, נאָר אַפֿילו דאָס טראַכטן וועגן אים האָט זי תיכּף אָנגעפֿילט מיט אַן אומבאַגרענעצטער לייטזעליקייט און אַ שיכּרות, וואָס האָט ביי איר אָפּגענומען אַלע כּוחות, אַלע חושים, אַ חוץ דעם ווילן פֿון געניסן, פֿון עקסטאַטישער הנאה, פֿון פֿאַרלירן זיך בתוך געגוס, און אַ חוץ דעם באַגער פֿון שאַפֿן הנאה, נישט בלייבן שולדיק, און געבן נאָך מער ווי זי באַקומט...

טראָץ דער קעלט פֿון דער נאַכט און פֿון וואַסער, האָט זי געפֿילט ווי הייסע בלוטקוואַלן וועקן זיך אין איר, באַהערשן זי אין גאַנצן,

מאַכן קלאַפּן דאָס האַרץ וואָס אַ מאָל גיכער און פעסטער. זי האָט געוואָלט זיך אויפזעצן, אויסשטרעקן די הענט צו אים, אים צורופן. אָבער דאָס געפיל, אַז אָט איז ער דאָ און זי קאָן אים האָבן ווען זי וויל נאָר, ווי אַן אויסגעהונגערטע קאַץ, וואָס כאַפּט אַ מייזל ,און איידער וואָס איידער ווען, וויל זי זיך אַ שפּיל טאָן, אָפּשלעפּן דעם גענוס, כדי דערנאָך מער נהנה צו זיין פונעם פאַנג; דאָס דאָזיקע געפיל האָט זי צוריקגעהאַלטן, געהייסן אונטערוואַרטן.

דערצו האָט זיך אַריינגעמישט אַ געפיל פון זאָרג, פון אומ־זיכערקייט. זי האָט געפילט, אַז עס געלינגט איר נישט אָפּצורייסן אים אין גאַנצן פון זיין ווייב. זי האָט עס פון אים נישט פאַרלאַנגט ביז איצט. זי האָט געוואַרט, אַז ער זאָל עס איר אַליין זאָגן. זי איז געווען זיכער, אַז די שטאַרקע ליבע, וואָס ער פילט צו איר און ער באַקומט פון איר, וועט אים דיקטירן דעם דאָזיקן שריט — דעם באַשלוס איבערצורייסן מיט זיין פרוי, זיך גטן מיט איר, און קומען ווינען מיט איר, מיט שרונהן, ווי מאַן און ווייב...

ער האָט אָבער אַפילו נישט אָנגעדייט דערוועגן, נישט געגעבן קיין רמז. ער פלעגט נאָר ריידן וועגן זיין גרויסער ליבע צו איר, וועגן איר שיינקייט, איר פּרעכטיקן קערפּער, דעם האַרמאָנישן בוי פון יעדן באַזונדערן טייל פון איר לייב. און אין דער זעלבער צייט פלעגט יאָגן פון אים דער ריח פון תרצהס פעטן און פאַרשוויצטן גוף, אָדער פון ביליקער שמינקע.

זי האָט באַשלאָסן נישט צו וואַרטן מער און זאָגן אים בפירוש אין וואָס עס גייט איר. זי וויל נישט מער טיילן די ליבע צווישן איר און זיין ווייב. זי וויל האָבן די ליבע אין גאַנצן פאַר זיך, נאָר פאַר זיך אַליין. זי האָט שוין גענוג געליטן פון אַ געטיילטער ליבע. זי האָט בשום אופן נישט געקאָנט אָפּרייסן עמירמען פון זיין ליבע, די לופט־מאַשינען. נו, דאָרטן האָט זיך געהאַנדלט אין אַן אמתער ליבע, אָן גרענעץ; אָבער דאָ? ווי האָט ער געזאָגט וועגן תרצהן? זי איז פון זעלבן טייג וואָס מזל. ווי קאָן מען ליב האָבן טייג? צו טייג קאָן

מען זיך צוגעווינען, נישט מער. מוז דאָך זיין לייכט זיך אָפּצוגע־ווינען... עמירמען האָט זי געדראָט מיט אַ גט, און עס האָט אויך ווייניק געהאָלפן. ער האָט זיך נישט געקאָנט אָפּזאָגן פון דער גרויסער פּאַסיע צום חיל־האוויר, צו די סכנהדיקע מאַנעווערס און די זיגערישע אָנגריפן קעגן אַראַבישע פּילאָטן...

אָבער דאָ, מיט וויקטאָרן, מוז זי אַרויס זיגעריש, זיגעריש אויפן גאַנצן פראָנט. און גענוג גיך, אַז עס זאָל זיך נישט איבערחזרן די מעשה ווי מיט עמירמען, שפּעטער, נאָכן גט, ווען דער פאַטאַלער גורל האָט פאַרמאַכט אַלע וועגן... זי מוז אים האָבן פאַר זיך, נאָר פאַר זיך. זי מוז אים אָפּרייסן פונעם טייג, אין גאַנצן, און גיך, גיך...

אָט, ליגט ער דאָרטן אין גראָז, און וואַרט, וואַרט אויף איר. ער ליגט, ווערט געפרוירן, וואַרט ווי אַ שקלאַף, אַ קנעכט. נו, גענוג געוואַרט, גענוג אויסגעשטעלט אויף אַ נסיון. גענוג! זי וועט אים רופן.

יז

ער האָט איר געוואָלט מאַכן פאַרוווּרפן. אָבער דערפילנדיק דעם ציטער פון איר קערפּער, וואָס טראָגט זיך איבער צו אַלע זיינע אברים, און דעם פאַרוויגנדיקן טרייסל פון שיפל, האָט ער גיך פאַרגעסן דעריון.

כדי אָפּצושוואַכן איר שולדגעפיל וואָס זי האָט אים געלאָזט וואַרטן אַזוי לאַנג, און פאַרטרייבן פון אים יעדן חשד, אַז דאָס האָט זי אים געלאָזט וואַרטן מיט אַ כוונה, האָט זי געזאָגט צו אים מיט אַ טאָן פון תרעומות, און סימולירנדיק אַ געגעץ: „ביסט אַ נישט גוטער. געלאָזט מיך וואַרטן אַזוי לאַנג אין אַ קאַלטער נאַכט... בין דערווייל אַריין אין שיפל. דאָ איז וואַרעמער. און איינגעשלאָפן".

ער האָט זי פעסט אַרומגענומען, אַוועקגענומען די האַנט פון איר מויל, וואָס האָט נישט צוגעלאָזן זיינע ליפּן: „לאָמיר זיך דער־וואַרעמען, פּרינצעסין מיינע, דו ציטערסט".

„דאָס איז נישט מער, סאָטיר מיינער, קיין ציטער פון קעלט" — האָט זי געענטפערט.

די לבנה האָט זיך אָפּגעפונען. אַ פייפנדיקער ווינט האָט פונאַנ־דערגעיאָגט די פינצטערע וואָלקנס און זייערע שאָטנס, אַרויסגעלאָזן גרויסע טיילן אירע פונעם קלעם. צעווינטיקטע זילבער־שטראַלן האָבן געגרייכט צום שיפל, ווי ריזיקע טייטלפינגער, און צעפערלט די צעוויגטע כוואַליעס אַרום אים.

„לאָמיר אַרויס!" — האָט ער געזאָגט באַפעלנדיק, און אויפגע־

זעצט זיך. „עס איז אַ סכנה. דאָס שיפל קאָן זיך אָפּרייסן און איבער־דרייען. דאָס וואַסער איז טיף באַלד ביים ברעג״.

זי האָט אים געהאַלטן פעסט: „זאָל עס זיך איבערדרייען. לאָמיר אונטערגיין צוזאַמען. בתוך ליבע אונטערגיין... וועל איך וויסן, אַז דו ביסט מיט מיר אויף אייביק. נאָר מיט מיר״.

ער האָט זיך געריסן פון אירע אָרעמס, וואָס האָבן אים קאָנ־ווולסיוו געצויגן צום באָדעם. „ביסט משוגע, האַ?״ — האָט ער געפרעגט מיט כעס.

„משוגע פון ליבע״ — האָט זי געענטפערט אין זעלבן טאָן.

ער האָט זיך צוריקגעלייגט. און געשוויגן. דער ווינט איז געוואָרן נאָך שטאַרקער, געגרייכט ביז די הימלען, ווי ער וואָלט וועלן אָפּ־רייסן די לבנה פון די הייכן, און אַ שליידער טאָן אין וואַסער אַריין. עס האָט אויסגעזען ווי דער מרחק צווישן דער לבנה אויבן און איר פנים אין וואַסער ווערט וואָס אַ מאָל קלענער, און באַלד וועלן זיי ווערן איינס.

דאָס שיפל האָט זיך געריסן פון שטריק, וואָס האָט אים געהאַלטן נאָענט פון ברעג, און ס'האָט אויסגעזען, אַז אָט רייסט עס זיך איבער אויף אַן אמת, אָדער עס ברעכט זיך איבער דער בוים, צו וועלכן עס איז אָנגעבונדן.

„איך וויל אונטערגיין צוזאַמען מיט דיר״ — האָט זי איבער־געחזרט.

פּלוצעם האָט זיך דאָס שיפל אַ שטאַרקן טרייסל געטון, אַ קלאַפּ געטון ברוטאַל אינעם ברעג, זיך אָפּגעקלאַפּט, זיך אָפּגעהויבן פון וואַסער, און פאַרטראָגן געוואָרן ווייט, ווי אַ האַרבסטיקער אָפּפאַל־בלאַט אין שטורעמווינט.

וויקטאָר האָט זיך נישט פאַרלוירן. ער האָט גיך געכאַפּט די וועסלע און געזוכט צוריקצושטעלן די גלייכגעוויכט.

„קלאַמער זיך פעסט אין מיינע פיס!" — האָט ער געשריגן באַפעלעריש.

ער איז געשטאַנען מיט צעשפּרייטע פיס און געאַרבעט גיך מיט די ווּעסלע־לעפל, אַ מאָל אין איין זייט, אַ מאָל אין דער צווייטער. קעמפנדיק קעגן די צעשטורעמטע כוואַליעס, וואָס ווילן באַוועלטיקן דאָס שיפל, און קעגן וואַסער, וואָס דרינגט אַריין און בויגט עס אויס אין אַ זייט. „נאָך אַ מזל" — האָט ער געזאָגט — „וואָס דער שטריק האָט מיטגעריסן דעם בוים צוזאַמען מיטן וואָרצל, און אַזוינאָך איז איינגעהאַלטן געוואָרן די קראַפט פון ווינט, ווען נישט, ווער ווייסט וואָס עס וואָלט געשען מיט אונדז".

זי האָט זיך געהאַלטן פעסט אין זיינע פיס און געציטערט פון קעלט און פון מורא.

„איך פיל, אַז איך זיץ אין וואַסער" — האָט זי אַרויפגעשריגן צו אים.

„האָב געדולד. כ׳וועל צוריקשטעלן די גלייכגעוויכט פון שיפל, דערנאָך אַרויסשעפּן דאָס וואַסער, און צושווימען צום ברעג שפּעטער וועלן מיר אַריין אין לאַסטאויטאָ. דאָרט איז וואַרעם און טרוקן. דאָרטן וואַרטן ביז פּאָר טאָגס".

אַ מידער, האָט ער זיך אָוועקגעזעצט. ער האָט ווייטער גע־אַרבעט, קלאַפּנדיק פיבערדיק מיט די ווּעסלע־לעפל, אָנשפּאַרנדיק דעם שטאַנג צווישן זיי אין די אויבערשטע ראַנדן פון די שיפל־ווענט. שרונהן האָט ער געהייסן זיך רוקן מער אין דער צווייטער זייט און צום שפּיץ צו, כדי קעגנצווּוירקן דער משא פון וואַסער, וואָס האָט זיך געזאַמלט ביים פּאָדערשטן עק און אַראָפּגעשווערט.

„מ׳מעג בענטשן גומל" — האָט ער געזאָגט אַ פּאַרמאַטערטער, און מיט אַ קול פון איינעם, וואָס האַלט אָפּ אַ נצחון. „עס איז ממש אַ נס. בפרט וואָס דו קאָנסט נישט שווימען".

ער האָט אַוועקגעלייגט די ווּעסלע, אָנגעלייגטביידע הענט אין דער פאָרם פון אַ שעפ, אָנגעשעפּט וואַסער און עס אַרויסגעשליי־

דערט מחוץ דער שיף. ער האָט געבעטן שרונהן זי זאָל טון דאָס זעלבע, כדי לייכטער צו מאַכן דאָס שיפל, און גיכער קאָנען צושלאָגן צום ברעג.

„מ׳מעג גומל בענטשן״ — האָט ער איבערגעחזרט.

„איך וועל נישט בענטשן״ — האָט זי געזאָגט — „עס וואָלט געווען בעסער, ווען איך גיי אונטער, צוזאַמען מיט דיר״.

„שוין ווידער דיינע שטותים, האַ?״ — האָט ער בייז באַמערקט.

„אויב דו זאָלסט נישט זיין אין גאַנצן מיינער, וויל איך בעסער נישט לעבן״.

ער האָט צוריקגענומען די וועסלע און געגעבן פּעטטע קלעפּ אינעם וואַסער, כדי צו פאַרטויבן אירע רייד, און נישט דאַרפן ענטפערן.

זי האָט איבערגעחזרט דאָס זעלבע, נאָך העכער.

„דאָס הייסט — אַוועק פון תרצהן?״

„יאָ, אַזוי הייסט עס, ריכטיק!״

„און די קינדער? איך האָב צוויי, און דאָס דריטע איז אונ־טערוועגס...״

ער האָט איבערגעריסן, אָפּגעזיפצט, און שטיל ווי צו זיך, ווי ער וואָלט געזוכט זיך צו אַנטשולדיקן, ווייטער גערעדט: „איך האָב עס נישט געוואָלט. דאָס איז איר קאָפּ. תרצה האָט עפּעס פאַרויס־געפילט, דערשנאַפּט. זיי האָבן עפּעס אַ ספּעציעלן חוש, די מזרח־פרויען. פונקט אַזוי ווי זיי זענען געטריי, אַזוי זענען זיי אייפער־זיכטיק, און באַלד חושד אין פאַרראַט, איידער וואָס איידער ווען... קיין מאָל נישט געווען אין מיין טבע אַוועקצוגיין ביי נאַכט, נעלם צו ווערן גאַנצע נעכט... די תירוצים האָבן זי ווייניק איבערצייגט. זי האָט געפילט, אַז איך האָב זיך אָפּגעקילט, אַז איך בין נישט דער זעלבער... און אפשר האָט מען עס איר צוגעטראָגן?... נו, האָט זי מיך באַצוווּנגען, וועלנדיק מיך אַזוינאָך האַלטן פעסטער ביי זיך,

מיטן כוח פון נאָך אַ קינד. דאָס איז דאָך איינע פון די פּרוויאישע מיטלען..."

„דאָס איז דאָך נאָך קיין קינד נישט, דאָס דריטע. עס האָט דאָך נאָך קיין צוויי חדשים נישט. אונדזער באַקאַנטשאַפט איז דאָך נישט מיט אַ סך לענגער... דאַרפסטו זען עס צו פּטרן..."

ער האָט ווייטער געאַרבעט מיט דער וועסלע, געטריבן דאָס שיפל צום ברעג.

„פון צוויי וועט דיר זיין לייכטער אָוועקצוגיין, ווי פון דריי..."

„לייכט צו זאָגן" — האָט ער אונטערגעברומט.

„פון אַ מאַמען פון צוויי קינדער וועט זיין לייכטער אָוועקצוגיין, ווי פון דריי" — האָט זי איבערגעחזרט אויסברייטערנדיק דעם זאַץ.

„לייכט צו זאָגן" — האָט ער איבערגעחזרט ברומענדיק.

„דאָס איז אַ שפּילעכל, היינט צו טאָג" — האָט זי געזאָגט, אַקצענטירנדיק יעדעס וואָרט.

„נישט ביי אונדז" — האָט ער געענטפערט שאַרף, און צוגעגעבן מיטן זעלבן אָטעם: „אפשר ביי אייך?"

זי האָט געוואָלט עפּעס זאָגן, נאָר געפילט ווי דער האַלדז פאַרקלעמט זיך און עס פאַרהאַקט זיך די קעל, אַז אַפילו דער אָטעם גייט נישט אַדורך. זי האָט געעפנט ברייט דאָס מויל, געוואָלט שרייען, רופן נאָך הילף, ווי איינער וואָס גייט אויס. ער האָט זיך צוגערוקט צו איר, גענומען טרייסלען מיט איר אַקסל, קלאַפּן אינעם רוקן, ביז אַ קוויטשענדיקער הוסט האָט זיך אַרויסגעריסן פון אירע לונגען. דערנאָך האָט ער גענומען קלאַפּן פעסטער און שנעלער מיט דער וועסלע, און גיך צוגעשלאָגן צום ברעג. ער האָט זי אונטערגעהויבן, און אַ שפּרונג געטון מיט איר אויפן זאַמד. זי איז געקומען צו זיך, און גענומען זיך רייסן פון זיינע שטאַרקע אָרעמס, זיך וואַרפן, קלאַפּן מיט די פויסטן, מיט די פיס. ער האָט זי געהאַלטן שטאַרק,

צוגעדריקט זי פעסט צו זיך, און געטראָגן אין דער ריכטונג פון זיין לאַסטאויטאָ.

ווען ער האָט זיך געגרייט עפענען די טיר פון אויטאָ, אונטער־הייבנדיק זי, האָט ער זיך פּלוצעם אַ וואַקל געטון. זי האָט עס אויס־גענוצט און זיך אַרויסגעריסן פון זיינע הענט, אַראָפּ אויפן וועג, און גענומען לויפן.

„וואַרט צו!" — האָט ער זי גערופן.

זי איז געלאָפן נאָך גיכער.

„וואַרט צו" — האָט ער זיך געבעטן — „וואָס איז מיט דיר, שרונה?"

דערנענטערנדיק זיך צום שטח פון קוראַרט, האָט ער איינגע־האַלטן די טריט, און נאָכגעשריגן: „איך וועל מאָרגן אָוונט קומען צו דיר, אין שטוב צו דיר. וועלן מיר ווייטער שמועסן, שרונה. מאָרגן אָוונט".

„נישטאָ וואָס צו שמועסן מער!" — האָט זי צוריקגעשריגן מיט כעס.

„מאָרגן אָוונט. איך האָב דיך ליב, שרונה. מאָרגן אָוונט!".

זי האָט געוואָלט עפּעס צוריקשרייען. אָבער פּלוצעם האָט זי באַמערקט אַ שאָטן פון אַ מענטש. ווער איז עס?" „שלום" — האָט ער געזאָגט. דאָס איז נישט מישעל. און נישט קיין פרויען־קול. עס דאַכט זיך, אַז דאָס איז דער שאָטן און די אויסשפּראַך פון מוסטאַפאַ. אָבער, וואָס טוט דאָ מוסטאַפאַ, דער עלעקטראָטעכניקער, אין דער שפּעטער שעה?

יח

זי האָט נישט געקאָנט צומאַכן די אויגן. דאָס בעט האָט זיך איר אויסגעוויזן צו ווייך. האָט זי אַראָפּגעוואָרפן דעם ליילעך אויפן דיל, אַוועקגעלייגט זיך און אַרויפגעלייגט אויף זיך דעם וואָלענעם צודעק. איז איר געווען האַרט און צו הייס. האָט זי אַוועקגעלייגט דעם צודעק אויפן דיל, זיך צוגעדעקט מיטן ליילעך.

דער ליילעך האָט איר דערמאָנט תכריכים, די ווייסע ציכער, מיט וועלכע מ'האָט אַרומגעהילט איר פאָטער, נאָך דעם ווי מ'האָט אים אַרויסגעוואָרפן פון צווייטן שטאָק. אַזוי האָט מען אויך אַרומגעוויקלט עמירמען, נאָך זיין אומגליק. אַזוי וואָלט זי אויך היינט געלעגן אין אַ ווייסן ליילעך, איינגעוויקלט אויף תמיד, ווען וויקטאָר באַהערשט נישט גיך די לאַגע; איינגעוויקלט אין ווייסן, ווי אַ כלה־מיידל אונטער דער חופה... דאָ אין ווייסן, דאָרט אין ווייסן... און פון ווייס ביז ווייס — נאָר חושך, נאָר בין־השמשות, נאָר טונקל...

אַפילו די ערשטע חתונה־נאַכט איז נישט געווען בלויז ווייס. קוים האָבן זיי זיך געלייגט, און דערוואָרעמט, ווי מ'האָט גענומען קלאַפּן אין טיר. ווען דאָס קלאַפּן איז געוואָרן שטאַרקער, און געהערט האָט זיך אַ באַפעלערישער טאָן פון אַן אָפיציר — האָט ער, אַ דערשוויצטער, געעפנט. דער אָפיציר האָט אים איבערגעגעבן אַ דרינגענדיקן באַפעל תיכף צו שטעלן זיך אין זיין איינהייט. עס איז אויסנאַם־צושטאַנד אין זיין אָפּטיילונג. עס האָט געוואַרט אויף אים אַ מיליטערישער אויטאָ. ער האָט קוים באַוויזן זי פעסט אַרומצונעמען, און נעלם געוואָרן. „איך וועל תיכף צוריקקומען" — האָט

ער געזאָגט — „די פליכט, די מדינה, רופט!״ ער האָט זי געלאָזן אין אַ טייך פון טרערן. מעת־לעתן גאַנצע איז זי נישט אַרויס פון בעט... ער האָט אַפילו נישט געבעטן אָפּלייגן זיין אַוועקגיין ביז פאַר טאָג, כאָטש אויף אַ שעה, אויף אַ האַלבע; נאָר תּיכּף געגאַנגען, ממש געפלויגן... ער איז געקומען ערשט זעקס וואָכן שפּעטער, נאָך דעם ווי זיין עסקאַדרע האָט פאַרענדיקט איר פלי־אַקציע ביים סועץ... שפּעטער איז זייער צוזאַמענלעבן געווען אַ שטענדיקער געראַנגל און אַ פאַרמעסט צווישן צוויי ליבעס, צו איר און צו זיין פאַנטאָם... פונקט ווי ער האָט געלעבט בעתן פליען אַ פול לעבן, פול מיט זין, אינהאַלט און התלהבות, אַזוי איז איר לעבן דעמאָלט געווען פּוסט, זינלאָז, אויסגעשלאָסן, און דער גאַנצער אינהאַלט איז געווען — מורא, פּחד און אַ געפיל פון מינדערווערטיקייט, גאָרנישט־ווער־טיקייט... אויב זי קאָן נישט פועלן ביי אים, אַז ער זאָל אויפהערן פליען און איינשטעלן זיין לעבן, אַז ער זאָל אויפגעבן זיין לופט־מאַשין, און בלייבן בלויז מיט איר, טאָ וואָס איז זי ווערט? אויב זי איז נישט ווערט אַזאַ קרבן, איז בעסער זיך צעגיין... זי, די ווייסע פּרינצעסין, ווי מ׳האָט זי גערופן שוין אין עלית־הנוער, איז נישט ווערט אַזאַ קרבן... האָבן דאָך אַלע זיך געליבט אין איר, נאָך איידער זי האָט רעכט געוווּסט וואָס איז אַזוינס ליבע. און נישט נאָר די בחורים פון איר עלטער, נאָר אויך אַ סך עלטערע פון איר, ווי דער דירעקטאָר פון יוגנט־לאַגער, די לערערס פון דער שולע, די לערערין פון האַנט־אַרבעטן... דער מאַטעמאַטיק־לערער האָט זי אַמאָל אַריינ־געבעטן צו זיך אין שטוב, זי אַוועקגעלייגט אויפן בעט, זי גערופן „שיינע פּרינצעסין״; נאָך גוט, וואָס ער האָט געוווינט אין דער נידער און דאָס פענצטער איז גראָד געווען אָפן... זי האָט דערנאָך געלעבט אין שרעק פאַר די לערערס... האָט די לערערין פון האַנט־אַרבעטן זי מקרב געווען, גענומען צו זיך, געשלאָפן מיט איר, געטוליעט זיך צו איר, געגלעט איר לייב, זי גערופן „שיינער פּרינץ״... שפּעטער, אין די העכערע קלאַסן, האָבן צוויי צווילינג־ברידער זיך געשלאָגן

מיט מעסערס צוליב איר. און אַ לערער פון גימנאַסטיק האָט געהאַט צו טון מיט דער פּאָליציי, ווייל ער האָט זי געוואָלט באַצווינגען אינעם גאַרדעראָבע־צימער; און דאָס זעלבע — דער שול־אויפ־זעער, וואָס האָט זיך פאַרמאַכט מיט איר אין בית־שימוש... היינט, בעתן קורס פון פלעגשוועסטערס; די אינסטרוקטאָרן, די דאָקטוירים... אַ יונגער דאָקטער האָט זי פאַרנאַרט אין אַ פינצטערן צימער פון דער ראַדיאָלאָגישער אָפּטיילונג פון שפּיטאָל, ווו זי האָט געמאַכט איר סטאַזש, און געוואָלט זי באַצווינגען אויפן האַרטן רענטגען־טיש... ער איז געווען אַ שיינער, אַ סימפּאַטישער, און וועגן ליבע געהאַט נישט נאָר מאָדערנע טעאָריעס, נאָר אויך מעטאָדן, וואָס זענען איר געווען דערווידער...

און עמירם? ווען נישט זיין געטיילטע ליבע... ביז זי האָט אים געשטעלט פאַר דער דילעמע: „איך, אָדער דער פאַנטאָם?" ער האָט אָפּגעשלעפּט, אָפּגעשלעפּט: „וואַרט אונטער, האָב געדולד, איך וועל דאָך נישט אייביק פליען". „זיכער, אַז עס וועט געשען אַן אומגליק, וועסטו נישט אייביק פליען". „וואַרט אונטער. עס איז שווער צו באַשליסן". „איך האָב באַשלאָסן: איך, אָדער דער פאַנ־טאָם". „דיר איז לייכט צו באַשליסן". „אַ סך שווערער ווי עס דאַכט זיך דיר". „דו ווייסט נישט וואָס אַזוינס ס'איז דער צובונד צו דער לופטמאַשין, צו דער לופט, צו די לופטאַקציעס, צו דער עסקאַדרע. דאָס איז אַ פּאַסיע, וואָס מ'קען נישט איבערגעבן אין ווערטער. איך ווייס נישט צי האָט שוין עמעץ באַשריבן ריכטיק די געפילן פון אַ באָמבאַרדיר־פּילאָט, און צי עס איז בכלל מעגלעך דאָס צו באַ־שרייבן; דאָס מוז מען איבערלעבן אַליין". „און די געפילן פון אַ פרוי פון אַ באָמבאַרדיר־פּילאָט?". „דאָס איז נישט דאָס זעלבע, שרונה, נישט דאָס זעלבע!". „דאָס איז נאָך מער, עמירם, נאָך מער". „דאָס איז אַ שגעון, שרונה, אַ קרענק. דאָס ציט ווי אַ מאַגנעט. נאָר דער, וואָס איז אָנגעגריפן דורך דער דאָזיקער אומהיילבאַרער מחלה, פאַרשטייט, אַז זי איז אַ טייל פון דיין לעבן, אַז זי איז דיין לופט

צום אָטעמען, דיין בלוט ממש״. „און וואָס איז ליבע, עמירם, אין אַזאַ פֿאַל? איז דאָך דאָס געזאָגט געוואָרן וועגן ליבע, ווען אַ מאַן און אַ פֿרוי האָבן זיך ליב״. „אמת, שרונה. אָבער, פֿאַרגעס נישט, אַז אויפֿן חיל־האוויר שטייט דאָס לאַנד. זענען מיר דאָך אייגנטלעך אַן אינדזל און דער, וואָס האָט זיך פֿאַרפֿולקאָמט אין דער קונסט פֿון פֿליען און באַזיצט דעם נייטיקן זעקסטן חוש, וואָס נאָר זעלטענע פֿליערס האָבן, דער טאָר נישט דעזערטירן, דער מוז שטעלן זיינע פֿעיקייטן אין דינסט פֿון לאַנד; דו, מוזסט מיך פֿאַרשטיין, שרונה״. „און מיך מוזסטו נישט פֿאַרשטיין, נישט פֿאַרשטיין, נישט פֿאַרשטיין, פֿאַר־שטיין?״...

דער רב האָט יאָ פֿאַרשטאַנען, נישט פֿאַרשטאַנען. ער האָט אָפּגעשלעפּט. נישט געאיילט זיך. ער האָט זיך באַראַטן מיט אַ דאָק־טער, מיט ספּעציאַליסטן, מיטן שעף פֿון דער עסקאַדרע. און לסוף — געגעבן דעם גט. בעסער זיך צעגיין, ווי זי זאָל אַריינפֿאַלן אין אַ קרענק. און ביים דערלאַנגען דעם גט, האָט ער דערמאָנט, אַז דער יידישער דין פֿאַרבאָט נישט, אַז אַ געגט פֿאַרפֿאָלק זאָל, נאָך אַ צייט. מעגן ווידער חתונה האָבן. עמירם איז דאָך נישט קיין כהן, ער מעג אויף ס'ניי זיך פֿאַרבינדן כדת וכדין מיט זיין אייגענער גרושה. ער איז גרייט זיי ווידער צונויפֿצופֿירן... און ער איז געווען גערעכט, ווי ער וואָלט עס געזען ברוח הקודש...

עס האָט עמירמען געצויגן צו איר צוריק. ער האָט איר געגעבן צו וויסן, אַז זייט דעם גט, האָט ער פֿאַרלוירן דעם שווונג צום פֿליען, די אמונה אינעם דערפֿאָלג פֿון זיינע פֿלי־עקספּעדיציעס. ער האָט מורא פֿאַר אַן אומגליק, אַ געפֿיל וואָס איז אים תמיד געווען פֿרעמד... ער האָט באַשלאָסן אַריבערצוגיין צו דער דינסט־באַדינונג אויפֿן באָדן. דאָרטן איז קיין סכנה נישט פֿאַראַן. ער וועט דערווייל ווערן אינסטרוקטאָר פֿון יונגע פּילאָטן, נישט פֿאָרן מער אויף לופֿט־

אַנגריפן... אָבער, עס וועט מוזן דויערן, עס מוז גיין בהדרגה... ער האָט איר געגעבן צו וויסן שפּעטער, אַז ער האָט זיך פאַרבונדן מיטן רב, און דער רב איז מסכים... זי האָט אָבער נאָך נישט מסכים געווען. זי האָט אים צו ערשט געוואָלט זען אין די בגדים פון חיל־האוויר קרקע; און ערשט שפּעטער גיין צום רב, נישט פריער...

דערווייל, דערווייל, בעת אַן אינסטרוקטאָרן־פלי, לערנענדיק אַ יונגען פּילאָט נאָכמאַכן זיינע מאַנעווירירונגען אין דער לופטן — איז געשען דאָס אומגליק, דאָס גרויסע אומגליק. די צוויי מאַשינען האָבן זיך צונויפגעשטויסן...

שפּעטער — האָט זי אים געזען אין תכריכים...

זי האָט אַראָפּגעוואָרפן פון זיך דעם ליילעך, און אַ שוידער איז אַדורך איבער אַלע אירע אברים. זי האָט געריבן די אויגן, געעפנט ברייט דאָס מויל, געגענעצט, אויסגעצויגן מיט רעש די גלידער, ווי זי וואָלט וועלן וואָס גיכער זיך באַפרייען אַזוי נאָך פון דעם קאָשמאַרן־פלאָנטער וואָס פּלאָגט זי אַזוי שטאַרק. זי האָט זיך אויפגעשטעלט, צוגעגאַנגען צום פענצטער, אַוועקגעשאַרט די טיולענע גאַרדין, אָפּגעלענט לייכט די סטאָרן. אין דרויסן איז געווען נאַכט. די לבנה איז ווידער פאַרקראָכן צווישן אַ קנויל פון געדיכטע וואָלקנס און נישט געקאָנט זיך אַרויספּלאָנטערן. אַ קעלט האָט זי אַרומגענומען און צעגאַנגען זיך איבערן גאַנצן לייב מיט אַ ציטער. פּלוצעם האָט זיך אַריינגעריסן אַ ווינט, אַ טרייסל געטון מיט די שויבן, און אויפגעריסן ברייט די סטאָרן מיט רעש. זי האָט זיך אָנגעכאַפּט אין גאַרדין, זוכנדיק אַן אָנשפּאַר פאַר אירע וואַקלדיקע פיס און קערפּער. זי איז געפאַלן הינטערווייליכץ צוזאַמען מיט דעם אַראָפּגעריסענעם גאַרדין.

זי האָט זיך צוגעשאַרט צום געלעגער, איינגעוויקלט דעם קאָפּ אינעם טיול פון גאַרדין, מעשה חופּה־שלייער, אַרויפגעצויגן אויף איר גוף דעם ווייסן ליילעך, מעשה־תכריכים, און — פאַרמאַכט די אויגן.

יט

דער וואַרטזאַל איז געווען פול מיט קורגעסט. זיי האָבן געוואַרט אויף זייער ריי צו בעדער, צו די באַהאַנדלונגען. נעבן אײַנגאַנג פון דער מענער־אָפּטיילונג איז געשטאַנען אַ גרעסערע גרופּע חסידים, מיט בערד, לאַנגע פּיאות און אַראָפּהענגענדיקע ארבע־כנפות. דער קאַקאָשער רבי באָדט זיך. היטן זיי אים.

יעדעס יאָר אין דער צײַט קומט ער אַהער כדי צו היילן זײַנע מיחושן און זײַן פּעטלייביקייט. אין אוישוויץ האָבן די דײַטשן גע־מאַכט אויף אים עקספּערימענטן. זײַט דעמאָלט וואַקסט נישט בײַ אים קיין באָרד.

ער האָט גאָר גרויסע זכותים. אָפּגערעדט שוין פון דעם וואָס ער איז ממשיך די גזע פון רבי יצחק אײַזיק, אָפּשטאַמיקע פון בעש״ט. ער איז געווען דער ערשטער רבי, וואָס האָט זיך באַזעצט אין ישראל, מיטברענגענדיק מיט זיך צענדליקער רײַכע אַמעריקאַנער יידן, צו העלפן בויען דאָס לאַנד. נאָך די לאַגערן, איז ער אַוועק קיין אַמע־ריקע, ווו עס האָבן אים געוואָרפן די חסידי־קאַקאָש; קוים באַוויזן זיך רעכט אָנצוואַרעמען, באַשלאָסן בויען קאַקאָשער רביסטווע אין ראשון לציון, און אין טבריה. אין דער שטאָט פון כינרת האָט ער פעסטגעשטעלט ווו עס געפינט זיך דער לעגענדאַרער באר־מרים, און מיטן פנים צו אים אויסגעבויט דעם משכן־קאַקאָש.

קומט ער זיך באָדן אין די מעינות הישועה, וואָס האָבן געזונט געמאַכט רבי שמעון בר יוחאי און זײַן זון, רבי אליעזר, נאָך דעם ווי זיי זענען אַרויס קרעציקע און צעבראָכענע פון דער הייל, גע־

יאָגטע דורך די רוימער; און רבי משה חיים לוצטו, דעם בעל מסילות ישרים, וואָס האָט געזונגען מזמור שיר לחמי טבריה... אים דאַכט זיך, אַז נאָך יעדער באָד קומט אים צו אַ שטיק געזונט און זיינע כוחות ווערן באַנייט.

פון באָד אַרויס צעגייט זיך אַ מתיקותדיקער ניגון:

יונתי, יונתי, בחגוי הסלע —
הראיני, הראיני, הראיני מראיך,
השמיעוני קוליך.

דאָס זינגט דער רבי אין דער גרויסער בריכה, און פאַרגייט זיך אין אַ נייעם ניגון. די חסידים, אין דרויסן, האָרכן זיך צו, כאַפּן אויף דעם ניגון, זינגען מיט:

יונתי, יונתי, בחגוי הסלע —
הראיני, הראיני...

דער רבי חזרט איבער עטלעכע מאָל נאָך אַנאַנד, כדי איינצושטודירן מיט די חסידים די נייע מעלאָדיע. עטלעכע קורגעסט אינעם זאַל באַהעפטן זיך צום געזאַנג. אַ גרופּע האָלענדישע טוריסטן ברומט אונטער און קלאַפּט מיט די הענט צום טאַקט.

שרונה שטייט אָנגעלענט אין דער וואַנט, ברומט אונטער, קלאַפּט אַ האַנט אין אַ האַנט. ברוך־אייזיק, דער יונגער שמש, מיטן גרויסן קאָפּ און רויטער באָרד, באַמערקט זי. אָבער גיך ווענדט ער אָפּ די אויגן, מיט אַן אויסדרוק פון ביטול אויף זיין צעפּלאַמט פּנים. פאַר וואָס? תמיד פלעגט ער זי באַגריסן, געבן אַ שמייכל צו איר, וואָס האָט רויטער געמאַכט זיין באָרד. זי האָט תמיד געפילט, אַז ער זוכט זי מיט די צאַפּלדיקע אויגן זיינע, אַז ער דרייט זיך אַזוי לאַנג אין וואַרטזאַל, נעבן איר ביוראָ, צווישן די סערוויר־טישלער, ביז ער באַמערקט זי, גיט אַ שמייכל, מאַכט אַ פריינדלעכע באַוועגונג מיט די לאַנגע פינגער און מורמלט שעמעוודיק: „שלום, בוקר טוב"... זי ענטפערט

אים אָפּ זייער העפלער, און טראַכט: ווען ער איז נישט אַזוי פֿרום, און האָט נישט די פֿונקציע, וואָס ער האָט, וואָלט ער צוגעקומען צו איר, און געזאָגט: „שלום, פּרינצעסין", און וואָלט געדריקט לאַנג איר האַנט, פֿאַרנייגנדיק זיך פֿאַר איר גאָר נידעריק, מיט אַ קאָמ־פּלימענט אויף די ליפּן, ווי עס טוען עס אַ סך אַפּשטאַמיקע פֿון אונגאַרן, ווי ער...

אָבער איצט האָט ער גיך אָפּגעוואָנדן דעם קאָפּ, ווי ער וואָלט זיך אָפּגעטרייסלט פֿון איר בליק, ווי ער וואָלט עפּעס פֿאַרשטאַנען, ווי ער וואָלט אַריינגעקוקט אין איר נשמה. צי זעט אַ שמש אויך אַזוי ווייט און טיף, ווי אַ רבי, און ווייסט וואָס עס קומט פֿאַר אין האַרץ פֿון אַ מענטש, פֿון אַ פֿרוי?

עזרא, דער דירעקטאָר פֿון קוראָרט ,האָט זי דערזען, ווי זי שטייט ביי דער וואַנט, אַ וואַקלדיקע, און ווי זי וואָלט גערעדט צו זיך. האָט ער איר דערלאַנגט דעם אָרעם, צוגעפֿירט צו אַ בופֿעט־טישל. יעל איז גיך אויסגעוואַקסן מיט צוויי טאַסן קאַפֿע.

„וואָס איז מיט דיר, שרונה?" — האָט ער געפֿרעגט.

„גאָרנישט" — האָט זי געזאָגט כלאחר־יד.

„דו מוזסט זיין קראַנק, שרונה".

„אפשר".

„דו ביסט נישט די זעלבע לעצטנס. עס איז פֿאַרשוווּנדן דיין שמייכל, מען הערט נישט מער דיינע לאַך־אויסברוכן, וואָס הילכן אָפּ אַזוי הייטער אין גאַנצן קוראָרט. און דיין שאַרם, שרונה, דיין פּרינצעסישער חן, איז אַראָפּ פֿון דיין פּנים".

יעל האָט געבראַכט אַ טעלער מיט קוכנס און זעמל מיט קעז פֿאַרן דירעקטאָר — זיין פֿרישטיק. זי האָט געבראַכט מער, כדי שרונה זאָל זיך קאָנען מיטכאַפּן. זי האָט גענומען אַ טרוקן קיכל, אַריינגעביסן, נאָכגעטרונקען עטלעכע שלוק קאַפֿע. דער ביסן איז נישט אַראָפּ.

„האָסט קיין אַפּעטיט אויך נישט, זע איך. דו דאַרסט טאַקע איין.
שרונה״ — האָט ער געזאָגט, עסנדיק געשמאַק זיין זעמל מיט קעז.

זי האָט נאָך אַ ביס געטון און נאָכגעטרונקען. נישט געווען אָבער געגנוג קאָפּע אויף אַראָפּצושווענקען דעם ביסן. זי האָט געמאַכט ספּאַזמאַטישע באַוועגונגען מיטן לאַנגן האַלדז, כדי צוצוהעלפן דעם שלונג, אָבער אָן דערפאָלג.

„דאַרפסט זען דעם דאָקטער״ — האָט ער ממשיך געווען. „אפשר איז עס אָן ערנסטע סיבה? דערצייל אים אַלץ. ער איז דאָך נישט נאָר אַ דאָקטער, נאָר אַ טאַטע ממש. מעגסט אים אַלץ אָנפאַרטרויען... רייד זיך אַראָפּ פון האַרצן, דערצייל אים אַלץ, אַלץ״.

יעל האָט געבראַכט נאָך צוויי טאַסן קאָפּע.

דער רבי איז אַרויס פון באָד, אין זיין העל־בלאָער קאַפּאָטע, באַדעקט מיט שרייאיק־רויטע בלומען, מיט אַ רויט־פאַרשוויצט פּנים, וואָס דער ברייט־ראַנדיקער און שוואַרצער הוט האָט נישט געקאָנט פאַרשאָטענען, און מיט די הענט פאַראויס, ווי צו בענטשן דעם עולם.

די חסידים האָבן גענומען דעם רבין אין אַ ראָד, געטאַנצט אַרום אים מיט התלהבות, האַלטנדיק זיך ביי די צונויפגעפלאָכטענע אָרעמס. דער רבי האָט געהויבן די הענט צו די הימלען, און געמאַכט הוויהדיקע אויסרופן, אונטערשפּרינגענדיק און זינגענדיק:

אתה חומל לאדם דעת, אוי דעת —
ומלמד לאנוש בינה, אוי בינה.
אוי, אתה חומל,
אוי, אתה מלמד, מלמד, אוי מלמד, טאַטע זיסער!

די חסידים האָבן מיטגעזונגען און געדרייט זיך אַרום רבין, קלאַפּנדיק פעסט צום ריטעם מיט די פיס. דער עולם און די האַלטנדער האָבן געקלאַפּט מיט די הענט, נאָכזאָגנדיק מעלאָדיש די אויפגעכאַפּטע זילבן.

דערנאָך איז דער רבי אַריבערגעגאַנגען צום ערשטן ניגון:

יונתי, יונתי, בחגוי הסלע —

ווי ער וואָלט וועלן, אַז די מעלאָדיע, וואָס ער האָט געשאַפן היינט, פאַר טאָגס, זאָל גוט איינגעקריצט ווערן אין אַלעמענס אויערן, אין אַלעמענס הערצער:

יונתי, יונתי, בחגוי הסלע —
אוי, טאַטע זיסער.

און ער איז אַרויס אין גאַס, טאַנצנדיק און טראָגנדיק דעם ניגון צום חלל, צום כינרת, צו די הימלען. די חסידים — נאָך אים.

הראיני, הראיני, הראיני מראיך —
אוי, טאַטע זיסער.

און שרונה האָט געזוכט דעם שמש, זיין בליק, זיין וווּנק, און נישט געפונען.

כ

וויקטאָר איז די נאַכט ווידער נישט געקומען. זי איז געלעגן אין בעט, מיט אָפענע אויגן צום באַלקן. זי האָט געפילט, ווען זי האָט אַ שלאָפמיטל, אַ רפואה אָדער אַ פאַרשיכורנדיקן שטאָף, וואָלט עס איר געהאָלפן איינצודרימלען.

זי האָט זיך דערמאָנט, אַז אין שאַנק דאַרף נאָך זיין אַ רעשטל פון אַ פלאַש קאָניאַק, וואָס ער האָט געבראַכט בעת זיין לעצטן באַזוך אין איר צימער.

ער איז קיין מאָל נישט געקומען מיט ליידיקע הענט. ער האָט תמיד געבראַכט עפּעס, אַ באָנבאָניערע, פּערפום, שאַרפע גע־טראַנקען, קוכנס, אָדער סתם אַ מתנה. ער האָט אַנומלט געבראַכט אַ בשמים־שעכטל, אַן אַנטיק, צו איר אין ביורא. דאָס איז געווען לשם איבערבעטן זיך, הלמאי ער האָט צוויי אָוונטן נישט באַוויזן זיך ביי איר. איז ער געקומען איינצייטיק אָנזאָגן זיין באַזוך די נאַכט. איז עס געווען אַ יקר־המציאות, באַגילדט און אויסגעקריצט מיט כל מיני סטיליזיר־רעדלעך, כוואַליעדיקע ליניעס, און אין דער מיטן — אַ רונדיקער לערער שטח, אויסגעפּילט מיט אַ מגן־דוד. און דער מגן־דוד האָט געהאַט פאַררונדיקטע שפּיצן. אויך די אותיות פון ציון אינעם מגן־דוד זענען געווען פאַררונדיקט. דאָס איז געווען אַ מין קמיע, וואָס איז געווען באַשטימט צו ברענגען מזל. אַזוי ווי דאָס בשמים־שאַכטל איז רונדיק און אַלע פאָרמען און צירונגען אויף אים זענען פאַררונדיקט, אַזוי זאָל אויך דאָס מזל זיין רונדיק און דער גורל, אָן שפּיצן, אָן שאַרפקייטן, אָן אויסטערלישקייטן, נאָר

גלאַטיק, איידל, ברכהדיק. ער האָט איר געהייסן אָפּהיטן די מתנה, ווייל עס איז אַ הייליקע זאַך, וואָס איז אַלט אַ דריי הונדערט יאָר, און שטאַמט נאָך פון די צייטן פון שר הגדול, רבי חיים אַבולעפיה, דעם באַנייער פון טבריה, און גייט איבער מדור לדור אין דער משפחה פון גרויסן צדיק. דאָס שאַבטל איז געווען ליידיק. ווען מ׳האָט עס געעפנט האָט אַ שלאָג געטון אַן אויסגעוועפּטער ריח, וואָס האָט דערמאָנט פריש געשניטן היי אין אַ רעגנטאָג, געמישט מיטן ריח פון אַ פאַרלעגענעם מאַראַנץ, וואָס הייבט אָן שימלען. אויפן באָדעם און אין די ווינקלען האָבן זיך געזען גרין־בלאָלעכע סימנים פון שימל־פלעקן, וואָס האָבן זיך ערטערווייז געפּערלט און סודותדיק גע־פינקלט אין דער פינצטער.

זי האָט ליב געהאַט דאָס שאַבטל. געהאַלטן עס אָפט אין האַנט. געשפּילט זיך מיט אים. פון צייט צו צייט האָט זי עס געעפנט, כאָטש עס פלעגט אַרויסרופן אַ ניס, אָדער אַפילו אַ הוסט. זי האָט עס גע־האַלטן אין ביוראָ, פאַרשלאָסן אינעם טיששופלאָד, זי האָט גע־וואָלט, אַז דאָס בשמים־שאַבטל זאָל איר ברענגען מזל אין דער אַר־בעט. זי איז נאָך נישט געווען געניגט דערפאַרן אין איר נייער פונק־ציע. זי איז געקומען אַהערצו מיט דער כוונה איבערצונעמען די אַר־בעט פון אַ פלעגשוועסטער. דאָס איז געווען אייגנטלעך איר פאַך. זי האָט געלייענט אַ מודעה אין דער פרעסע, אַז מען זוכט אַ פלעג־שוועסטער פאַרן קוראָרט. געווען איז עס תיכף נאָך איר גרויסן אומ־גליק, ווען זי האָט געלעבט אין אַן עולם־התוהו, און געהיילט די נערוון, נישט ווויסנדיק געווען וואָס זי טוט מיט זיך. ביז זי האָט זיך אַנטשלאָסן און געקומען, האָט מען דערווייל צוגענומען בערטאַן, אַ בת־עיר, מיט גרויס חזקה, זייט דורות אַ דאָיקע, אַ העלדין פון מלחמת השיחרור, וואָס האָט זיך אויסגעצייכנט אין די קאַמפן אַרום צפת און בית־שאַן. זי האָט געטון אַ געוואַלדיקע אויסשפּיר־טע־טיקייט, אַנגייענדיק ווי אַן אַראַבערין, כלומרשט ווי אַ שונא פון די יידן. איר מזרחדיק אויסזען און איר פּערפעקטע קענטעניש פון אַראַ־

ביש איז איר בייגעשטאַנען. מ׳האָט זי גערופן די מאַטאַ האַרי פון טבריה און גליל. עס איז איר געווען שווער, צוליב די יאָרן און איר פעטלייביקייט, ממשיך זיין איר אַרבעט אין שפּיטאָל. האָט זי פאָרגעשלאָגן איר קאַנדידאַטור אויפן פּאָסטן אין קוראָרט, און תיכּף אים באַקומען.

האָט מען איר, שרונהן, פאַרגעלייגט די אַרבעט פון וויצע-לייטערין פון דער באָד-אָפּטיילונג, ביי דער זייט פון דער הויפּט-לייטערין, וועלכע דאַרף בקרוב אַריבערגיין אין פּענסיע. זי וועט אַרבעטן אַ האַלב יאָר בערך, זיך אויסלערנען, און דאַן ווערן די הויפּט-מנהלת. האָט זי אַקצעפּטירט, און ליב באַקומען איר פונקציע. זייט פיר חדשים איז זי אויף איר פירנדיקן פּאָסטן. אָבער זי פילט זיך נאָך נישט זיכער. זי באַגייט נאָך פעלערן. זי האָט נאָך נישט די נייטיקע דערפאַרונג, די געהעריקע געניטקייט און רוטין, וואָס פאַרלאַנגען זיך אויף אַזאַ פאַראַנטוואָרטלעכער פּאָזיציע. זי האָט נישט נאָר צו טון מיטן טויטן אינווענטאַר, נאָר קודם כל מיט לעבעדיקע מענטשן, אַ פּערסאָנאַל פון אַ זעקס מנינים אָנגעשטעלטע, פון פאַרשידענע מדרגות. אמת, פאַראַן איבער איר דער גענעראַל-דירעקטאָר און זיין פאַרטרעטער, אָבער זיי מישן זיך נישט צו פיל. זי איז די דירעקט פאַראַנטוואָרטלעכע פאַר אַלעם, וואָס געשעט אין די ראַמען פון דער בעדער-אָפּטיילונג.

איז זי שטאַרק צופרידן, וואָס וויקטאָר האָט איר געבראַכט אַזאַ טייערע מתנה. דאָס איז נישט סתם אַ געשאַנק, נאָר אַן אמתע קמיע, וואָס האָט זיכער באַוויזן נישט ווייניק ניסים אין לויף פון דורות, אין די משפחות וואָס האָבן פאַרמאָגט דאָס בשמים-שאַכטל. וועט עס איר אָן ספק אויך ברענגען מזל אין איר אַרבעט, אין איר לעבן, אין איר ליבע צו וויקטאָרן...

די ערשטע נאַכט, וואָס ער האָט פאַרבראַכט ביי איר אין צימער, האָט ער מיטגעבראַכט אמתן שאַמפּאַניער און באַבאַ-קוכן מיט

רום. זי האָט נישט געוווּסט צי איז די גרויסע הנאה דעמאָלט געקומען צוליב שאַמפּאַניער, צוליבן רום־קוכן, אָדער — צוליב אים. און אפשר האָט ער געדאַרפט שאַרפע משקה, כדי צו קאָנען געבן יעדעס מאָל אַזאַ גרויסע הנאה?... צי האָט זי גופא זיך דווקא געגלוסט דערין?

זי האָט געפילט, אַז איצטער וואָלט אַ פאַרשיכורנדיקער געטראַנק איר יאָ צו נוץ געקומען, פשוט ווי אַ רעטונג־מיטל.

זי האָט זיך אויפגעהויבן, אַ קוועטש געטון דעם עלעקטרע־קנאָפּ. זי האָט נאָך אַ מאָל אַ דריק געטון, און זיך געחידושט וואָס די לאָמפּ צינדט זיך נישט אָן. עס זעט אויס, אַז עס איז עפּעס קאַליע געוואָרן אין דער אינסטאַלאַציע, אַ קורצשלוס; אָדער צוליב פייכט־קייט און שוועבלדאַמף, וואָס טיילן זיך אויס פון קוואַלוואַסער, איז די עלעקטרע־ליניע באַשעדיקט געוואָרן. עס טרעפט גענוג אָפט אין קוראָרט, אָבער גאָר זעלטן אין די דערנעבנדיקע בנינים. איז זי צו־געגאַנגען ,אין דער פינצטער, צום שאַנק, געפונען דעם קאָניאַק, אַ שאָקל געטון מיטן פלשעל, און לויטן אָפּקלאַנג פאַרשטאַנען, אַז פאַראַן נאָך דרינען אַ שפּאָר ביסל. זי האָט געגעבן אַ פעסטן זופּ און זיך צוריקגעלייגט שטעלנדיק די פלאַש נעבן בעט.

זי איז געלעגן און געוואַרט אויפן שלאָף. זי האָט באַדויערט וואָס זי האָט נישט נעבן זיך דאָס בשמים־שאַכטל. עס וואָלט מסתמא געהאָלפן אויך אין שלאָף. זי האָט געגעבן נאָך אַ פעסטן און לאַנגן זופּ פונעם פלעשל. זי האָט דערפילט אַ מישונג אין קאָפּ, הנאהדיקע ציטער־באַוועגונגען פון די ליפּן און אויגן־לעדלער, און אַ פאַר־באַפּנדיקע לייטזעליקייט איבערן גאַנצן לייב. זי האָט צעעפנט ברייט אירע פיס, און אַ מין תאווהדיקער שטראָם האָט זי געגומען אין קלעם.

זי האָט אויסגעצויגן פויל די האַנט ,און געזוכט די פלאַש, כדי די הנאה זאָל זיין נאָך גרעסער און דורערנדיקער. זי האָט צוגעשטעלט די פלאַש צום מויל, געגומען ציען, ציען, ביזן סוף. דערנאָך האָט זי

אַ שליידער געטון די פלאַש. זי האָט זיך אָנגעשטויסן אין אַ גלעזער־נעם וואַזאָן. אַ דויערנדיקער אָפּקלאַנג פון צעבראָכן גלאָז איז גע־האָנגען לאַנג צווישן די פיר ווענט. זי האָט זיך צעלאַכט מיט איר קינדישן און שפּילעוודיקן געלעכטער, ווי זי פלעגט עס טון אַזוי אָפט צו דער פרייד פון אַלע צוהערערס. נאָר געווען איז ער איצט מער אויסגעצויגן, מאָדולירט כוואַליעווייז, מיט טויבע טענער אויפן דנאָ און הויכע — אויפן באַרג פון דער כוואַליע. און ווען די קלאַנגען פון צעבראָכענעם גלאָז און פון געלעכטער זענען אַנטשוויגן געוואָרן, האָט זיך פּלוצעם געהערט איר געוויין. ספּאַזמאַטישע שלוכץ־ברעקלעך האָבן זיך געריסן פון איר ביינערדיקער ברוסט און הויכן האַלדז, און גרויסע, בריענדיקע טרערן האָבן גענעצט אירע צי־טערדיקע באַקן. דערנאָך האָבן זיך געהערט אָפּגעהאַקטע זילבן, און ווערטער גאַנצע, וואָס האָבן זיך געריסן פון איר קעל:

„ער וועט נישט קו־מען מער. נישט קו־מען מער, וויי, וויי... קום צוריק, קום, וויק־טאָר, וויק־טאָר!!... נאָר וואָס האָב איך זיך אַזוי גע־איילט, נאָך וואָס? געדאַרפט אָפּ־וואַרטן... צוויי חדשים, דריי חדשים, איז אפשר צו וויי־ניק צו וויי־ניק, צו פועלן ביי אַ מאַן אַזאַ קר־בן, אַזאַ... ער וועט זיך אַ מעשה אָפּטאָן, אָפּ־טאָן... עס קאָן ברענגען צו אַן אומ־גליק, אומ־גליק... אַזוי, אַזוי ווי ע־מי־רם, ווי עמי־רם... אַן אומ־גליק מיט זיין טאַנק, ווי עמי־רם מיט זיין לופט־מאַשין, מאַ־שין, טאַנק, טאַנק, מאַשין, טאַנק מאַ...״

זי האָט אויסגעצויגן די האַנט צום דיל. געזוכט די פלאַש נעבן בעט. ווידער האָבן זיך געהערט ברעקלעך געלעכטער, געוויין־טענער, טענות צו זיך: „נאָך וואָס זיך אַזוי גע־איילט? געדאַרפט נאָך גע־ניסן. גע־ניסן. און ערשט דערנאָך קומען מיט עקסטרעמע פאַ־דע־רונגען... מען דאַרף אָבער רי־זי־קירן... נישטאָ קיין ליבע אָן רי־זי־קע... מ׳דאַרף אויס־שטעלן דעם פּאַרט־נער אויף נסיונות... אָן ני־סיון, נישטאָ קיין אמתע לי־בע... אָן קרבן — נישטאָ קיין אמתע ליבע... אָבער, אַזאַ גרויסן קר־בן!... זיך אָפּזאָגן פון גע־זעצ־לעכן

ווייב... און פון קינדער — צוויי קינ־דער, און דאָס דריטע אונ־טער־וועגנס... זאָג זיך דערווייל אָפּ פון דריטן, פון דרי־טן. פון צוויי וועט דיר זיין לייב־טער, לייב־טער, לייב־טער אַוועק, ווי פון דריי, ווי פון אַ מאַ־מען פון דריי, פון אַ זויג־לינג... דאָס איז היינט אַ שפּי־לעכל, אַ שפּי־לעכל, אַ שפּילעכל... נישט ביי אונדז, נישט ביי אונדז! אפשר ביי אייך... ביי אונדז, ביי אונדז, ביי אונדז, ביי אייך, ביי...״

זי האָט געזען די סצענע ווי ער טראָגט זי, אַ נאַסע, אַ געפּרוי־רענע, אַ טראָציקע, ער וויל זי אַריינטראָגן אין זיין לאַסטאויטאָ. זי ראַנגלט זיך מיט אים. ער גיט זיך אַ וואַקל ביים עפענען די טיר, און זי רייסט זיך אַרויס... נאָך וואָס איז זי אַנטרונען? זי האָט געדאַרפט בלייבן מיט אים, און אים זאָגן, אַז אויב ער וויל אַ דריט קינד, זאָל ער עס האָבן מיט איר, מיט שרונהן. מיט עמירמען האָט זי נישט גע־וואָלט האָבן קיין קינד כל זמן ער וועט פליען אין דער לופטן. זי האָט נישט געוואָלט ברענגען אויף דער וועלט אַ קינד, אַ פּאָטענציעלן יתום; אַ יתום נאָך אַ טאַטן, אַ העלדישן פליער, אָבער אַ יתום. אָבער פון אים, פון וויקטאָרן, וויל זי אַ קינד. זי איז שוין נישט יונג. ביי אַריבער די דרייסיק יאָר מעג שוין אַ פרוי האָבן אַ קינד... אָבער, ווען וועט זי עס אים קאָנען זאָגן? איצטער, אַז ער קומט נישט מער?... ווער ווייסט, צי ער וועט נאָך קומען? ער האָט נישט געגעבן קיין סימן פון זיך. אַפילו, ווען ער איז מאָביליזירט געוואָרן, אַפילו פון טאַנק אַראָפּ, האָט ער געקאָנט געבן אַ ידיעה... זי מוז אים באַגעגענען וואָס גיכער, און זאָגן אים, אַז זי וויל אַ קינד, אַז זי מוז האָבן אַ קינד, אַן אייגן קינד, פון איר אייגענעם מאַן, אַ מאַן פאַר זיך, פאַר זיך אַליין... אַ קינד אַ נאָמען נאָך איר טאַטן, דעם קדוש, אַ קינד, וויקטאָר, אַ קינד וויק־טאָר, וויק־טאָר!...

כא

זי האָט זיך אויפגעהויבן מיט אַ שטאַרקן קאָפּווייטיק. עס האָט איר געקלאַפּט אין די שלייפן ווי מיט האַמערס און געטריבן צום ברעכן. זי האָט זיך קוים געהאַלטן אויף די פיס. זי האָט געפילט, אַז אויב זי וועט נישט גיין צום דאָקטער, וועט זי נישט זיין פעיק צו דער אַרבעט. וועגן שלאָפן איז שוין אָפּגערעדט. און דווקא זענען היינט פּאַרויסגעזען גרעסערע גרופּעס טוריסטן, און אַ נייע כוואַליע פון קורגעסט.

„וואָס איז דיר, שרונה?" — האָט דער דאָקטער געפרעגט מיט זיין רואיקער און פאָטערלעכער שטים, וואָס וועקט צוטרוי באַלד ביי די ערשטע ווערטער.

אַנשטאָט אַ תשובה האָט זי אויסגעבראָכן מיט אַ געוויין.

„נישט שיין, נישט שיין, טעכטערל. איך בין געוווינט צו הערן דיין גוט־קלינגעוודיק געלעכטער, צו זען דיין צעשטראַלט פּנים, און דאָ, פּלוצעם, טרערן, געוויין? פע, עס פּאַסט נישט. אַ־נו ווייז דיך גוט אויס, און דערצייל".

„אַפילו ווען כ'האָב געלאַכט און געשטראַלט, דאָקטער, איז עס נישט געווען פון דער טיף, נישט געקומען פון די נאַטירלעכע לאַך־ און שטראַל־קוואַלן... ווי האָב איך געקאָנט לאַכן פון גאַנצן האַרצן, נאָך דעם אַלעם, וואָס כ'האָב איבערגעלעבט, דאָקטער?"

„שוין בעסער, שרונה, אַ קינסטלעך לאַכן און שטראַלן, ווי אמתע טרערן, ווי אַן אמתע סיבה צו געוויין... וואָס אַן אמת, ווען כ'הער נישט אַ טאָג דיין געלעכטער, כאָטש אַ ווייטן אָפּקלאַנג, מעג ער זיין

קינסטלער, מער אָדער ווייניקער — ווער קען זיך דען אַריינגריב־לען אינעם תוך פון עמעצנס אויסערלעכע אויסדרוקן פון זיין גע־פילוועלט? — ווען כ׳הער נישט אַ טאָג דיין געלעכטער, פיל איך, אַז עס פעלט מיר עפּעס, אַז די זון שיינט היינט אַ סך קאַרגער, גלייב מיר...״

זי האָט געווישט די טרערן, באַמיט זיך אַרויפּצוציען אַ שמייכל אויף די צעציטערטע באַקן, און געקוקט אויפן דאָקטער מיט אַ גע־פיל פון דאַנקבאַרקייט.

ער האָט זיך אויפגעשטעלט, צוגעגאַנגען צו איר, אַרויפגעלייגט אַ האַנט אויף איר אַקסל, און זיך אַריבערגעבויגן איבער איר מיט אַ געבעט:

„אַ־נו, רייד דיר אַראָפּ פון האַרצן. זעט זיך אויס, אַז איך ווייס נאָך נישט אַלץ. דו זעסט לעצטנס זייער שלעכט אויס. דו לעבסט עפּעס איבער. דו ביסט נישט די זעלבע. דערצייל. מעג עס זיין נאָר אַ האַלבער אמת״.

„עס איז גאָרנישט. פּשוט — מיגרענע״.

ווען זי האָט פּלוצעם ברייט צעעפנט דאָס מויל און קוים באַוויזן צוצושטעלן די האַנט, כדי צו דערשטיקן אַ געניץ — האָט אַ יאָג גע־טון פון איר אַ שטאַרקער ריח פון אַלקאָהאָל. דער דאָקטער האָט גיך אָפּגעהויבן זיין קאָפּ:

„וואָס איז דאָס?״ — האָט ער געפרעגט מיט גרויס שטוינען.

„גאָרנישט״ — האָט זי געזאָגט אָן איבערצייגונג. און נאָך אַ ווייל צוגעגעבן: „נישט געקאָנט איינשלאָפן, האָב איך גענומען אַ ביסל קאָניאַק״.

„אַ ביסל?״

„אַ ביסל... צוליב מיגרענע״.

„דאָס איז נישט מיגרענע, נישט אַ גאָרנישט, און נישט אַ ביסל קאָניאַק... נישט אַ ביסל, נאָר דווקא אַ סך, אַ סך מער, שרונה. און אַז אַ ביסל, איז עס אויך אַ סך!״

זי האָט אויסגעבראָכן מיט אַ נײַ געוויין. דער דאָקטער איז גע־שטאַנען נעבן איר, באַטראַכט מיט גרויסע אויגן, און מיט באַדויער. ער האָט זי אַרומגענומען פאָטערלעך און מיטגעטרייסלט זיך יעדעס מאָל, ווען אַ פרישער געוויין־ספּאַזם האָט אַ וואָרף געטון מיט איר גאַנצן קערפּער.

ער איז צוגעגאַנגען צו דער אַפּטייק־שאַנק, און געפרעגט: „וואָס זאָלן מיר פריער היילן — די מיגרענע, די שלאָפלאָזיקייט, אָדער דעם גאָרנישט...״

זי האָט זיך באַמיט צו באַהערשן, און מיט אַ לייכטן געלעכטער אויף אירע ליפּן געענטפערט: „שלאָפלאָזיקייט״.

„און אפשר בעסער — די סיבה פון דײַנע שלאָפלאָזע נעכט?״

זי האָט שווער אָפּגעזיפצט. אָפּגעווישט די טרערן. דער דאָקטער האָט איר דערלאַנגט דרײַ פּילן: „בעסער אַ פּיל פאַרן שלאָף, ווי קאָניאַק. עס פעלט דיר נאָך צו ווערן אַן אַלקאָהאָליקערין... דאָ האָסטו אויף דרײַ נעכט, יעדע נאַכט אַ פּיל. נישט מער. אויב אַ האַלבע ווירקט, איז נאָך בעסער. אויך צו שלאָפמיטלען קאָן מען זיך צוגעוווינען און ווערן זייער שקלאַף. אָבער געציילטע נעכט, מאַכט נישט אויס. נישט מער, ווי מאַקסימום איין פּיל אַ נאַכט. אָבער, זאָג צו, אַז וועסט מער נישט באַנוצן קיין קאָניאַק, בשום אופן נישט״.

זי האָט געשאָקלט מיטן קאָפּ צוזאָגנדיק, גענומען די מעדיצין, פאַרנייגט זיך, אַרויפּציִענדיק אַ שמייכל פון צופרידנקייט אויפן פּנים. און אַרויס פון קאַבינעט מיט לייכטע טריט.

איר שטימונג איז געוואָרן נאָך הייטערער, ווען זי האָט דערזען דעם פינקלדיקן פלאַש־גרינעם ראָלס־ראָיס פון „מיניסטער״. זײַן לאַנגער אַראַבישער נאָמען איז געווען שווער נאָכצוזאָגן. מ׳האָט געזאָגט, אַז ער איז געווען מיניסטער פון יאָרדאַניע פאַר דער זעקס־טאָגיקער מלחמה, און אַז ער איז איצט אַ געהיימער פאַרמיטלער צווישן ישראל און דעם ירדנישן קעניג. נישט אומזיסט קומט ער

אַהער דווקא דעמאָלט, ווען עס באַדט זיך דאָ גראָד אַ הויכע מדינה־פּערזענלעכקייט. גראָד דעמאָלט, ווען ער איז אין אַנשטאַלט, קומט אויך אַ מיניסטער נעמען בעדער. מ׳זאָגט, אַז זיי ביידע באַגעגענען זיך אָפּט.

דער חשובער אַראַבישער גאַסט קומט דאָ אַהער דירעקט פון זיינע גיטער אין שכם, כּדי צו היילן די פּאָלגן פון זיין פּאַראַליז וואָס האָט אָפּגענומען פון אים טיילווייז די מאַכט פון זיין רעכטער האַנט און רעכטן פוס, און לייכט אויסגעקרימט דאָס מויל און דעם שפּאַלט צווישן די אויגן־לעדלעך. עס ברענגט אים אַהער זיין שאָ־פער, אַכמעד, אַן אַמאָליקער היגער תּושב.

דער אויטאָ האָט זיך אָפּגעשטעלט נעבן איינגאַנג פון דאָקטער־קאַבינעט. שרונה און אַכמעד האָבן געהאָלפן דעם אַדעליקן גאַסט אַרויסצוגיין פון אויטאָ. עס איז באַלד אויסגעוואַקסן נעבן זיי בערטאָ, די פלעגשוועסטער. זי האָט זיך פאַרנייגט טיף, באַגריסט אויף אַראַביש, און געפאַלן אין די אָפענע אָרעמס פון אַכמעדן. זיי האָבן זיך דערצויגן אויפן זעלבן הויף. דערנאָך האָבן די צוויי פרויען גענומען דעם קורגאַסט אונטער די אָרעמס, געהאָלפן אים אַרויפ־גיין די טרעפּלעך, וואָס פירן צום קאַבינעט. דער דאָקטער איז אַקעגנגעגאַנגען מיט אַ צעשמייכלט פּנים און אויסגעשטרעקטע הענט.

„סעידה, עקסעלענסי״ — האָט דער דאָקטער אים באַגריסט און געדריקט זיין קראַנקע האַנט. „איך זע, אַז די האַנט איז פעסטער, און דער גאַנג איז אַ מער זיכערער״ — האָט ער תּיכף צוגעגעבן.

„אַ דאַנק אייך, אַ דאַנק אייער באַהאַנדלונג, און אייערע בעדער, דאָקטער״.

זיי זענען אַריין אין קאַבינעט. דער גאַסט האָט זיך אַוועקגעזעצט. אַכמעד איז נעלם געוואָרן אויף אַ ווייל, און זיך ווידער באַוויזן, מיט הענט באַלאָדענע מיט שווערע מתּנות. דאָס זענען געווען גע־טריקנטע און געפּרעסטע פּרוכטן פון זיין האַרס ביימער, און קאַנ־

פיזירטע אין זיינע פֿאַבריקן: צוויי גרויסע פּאַקעטן פֿאַר שרונהן און פֿאַר בערטאַן, און אַ קאַסטן פֿאַרן דאָקטער.

„אַ דאַנק" — האָט דער דאָקטער זיך פֿאַרנייגט, און צוגעגעבן אַ זשענירטער. „נישט פֿאַרדינט".

„פֿאַרקערט. נישט נאָר דאָס; איך לאַד אייך אויך איין צו פֿאַר־ברענגען עטלעכע וואָכן אין מיין פּאַלאַץ, אין שכם. איך וועל שיקן נאָך אייך אַכמעדן מיטן אויטאָ. איר דאַרפֿט נאָר זאָגן ווען".

„דער פֿאַרדינסט איז אייערער, עקסעלענסי; אַ דאַנק אייער קוראַזש, אייער אויסגעצייכנטן מאָראַל, דעם פֿעסטן ווילן געזונט צו ווערן, אייער גלויבן און עקשנות".

„יאָ, איך בין אַ גלויביקער, און אַן עקשן. איך גלייב אויך אין שלום, דאָקטער. דערווייל איז ער קראַנק, דער שלום, כ׳ווייס; אַזוי ווי איך... אָבער ער וועט קומען צו ביסלעך צו זיך. אַן אַראַביש שפּריכוואָרט זאָגט: די מחלה קומט מיט גאַלאָפּ, און טרעט אָפּ מיט טריט פֿון אַ שילדקרעט. אַזוי איז אויך מיט שנאה צווישן פֿעלקער, וואָס מלחמה איז איר בולטסטער קראַנקייט־סימפּטאָם... אָבער איך גלויב, אַז דער שלום וועט קומען נאָך אין אונדזערע טעג, דאָקטער. איך טו וואָס איך קאָן דערצו. איך טו אויך תּפֿילה, מיר זאָלן דער־לעבן".

„זאָל אייך גאָט געבן לאַנגע יאָרן, עקסעלענסי".

„אייך אויך, דאָקטער".

פּלוצעם האָט ביים גאַסט געגומען ציטערן די רעכטע באַק, צוזאַמען מיט די אויגן־לעדלעך און ליפּן. די אומקאָאָרדינירטע ספּאַזמען האָבן אַרויסגעקוועטשט טרערן פֿון זיין אויג און שפּיי־בלעזלעך פֿון רעכטן און אויסגעקרימטן ליפּווינקל. ער האָט געוואָלט זיי אָפּווישן מיט דער רעכטער האַנט, און נישט געקאָנט דערגרייכן צום פּנים. האָט אַכמעד עס געטון פֿאַר אים. דערנאָך האָט ער געהאָלפֿן זיין האַר זיך אויסטאָן צו דער אונטערזוכונג. די פֿרויען זענען אַרויסגעגאַנגען.

כב

ביים איינגאַנג פון קוראַנשטאַלט האָט שרונה באַגעגנט מישעלן, מיט זיין גאַנץ הויזגעזינט. זייט עטלעכע וואָכן זיצט ער דאָ, ביים ראַנד פון לאַנגן טראָטואַר, מיט זיין פרוי און אַכט קינדער, און פּראָטעסטירט קעגן דעם קליינעם לוין, וואָס ער באַקומט. אַזוי ווי ער באַקומט אַ סינדיקאַלן געהאַלט, און די דירעקציע פון אַנ־שטאַלט איז נישט וויליק צו געבן אים אַ הוספה, און אויסקומען מיט דעם פאַרדינסט פאַר אַזאַ גרויסער משפחה קאָן ער נישט — זעצט ער זיך אַוועק, נאָך דעם נאַכטדינסט, און דריקט אויס זיין אומ־צופרידנקייט. תיכף קומען טאָקע אויך זיין פרוי און די אַכט קינדער, און זעצן זיך צו. יעדער, אַחוץ דעם זויגקינד, וואָס אויף דער מאַמעס שויס, האַלט אין האַנט אַ פּלאַקאַט אויף אַ לאַנגן שטעקן, און אויפ־געשריבן זענען נאָר צוויי ווערטער, וואָס זאָגן מער ווי גאַנצע פּראָגראַמען: כאן שובתים, דאָ ווערט געסטרייקט. די אותיות זענען מיט רויטן כתב און שלאָגן זיך בולט אָפּ פון דעם העל־גרינעם קאַרטאָן.

דאָס איז נישט קיין אייגנטלעכער סטרייק, ווייל מישעל איז ממשיך זיין נאַכטאַרבעט. און דאָס צוליב צוויי סיבות — קודם כל, קאָן ער זיך נישט דערלויבן מפקיר צו זיין זיין געהאַלט, מחמת מ׳וועט אים נישט באַצאָלן פאַר די סטרייק־טעג; און שנית — צוליב פּאַט־ריאָטישע טעמים. ער איז געקומען אין לאַנד מיט צוועלף יאָר צוריק פון אַלזשיר, צוליב ליבע צו ישראל און צוליב דער שנאה פון די דאָרטיקע אַראַבער צו יידן. ער האָט געוואָלט זיין אין דער יידישער

מדינה, דערציען זיינע קינדער אין ליבע צום אייגענעם פאָלק און לאַנד, און נישט זיין מער אויסגעשטעלט אויף די טובות פון פרעמדע, אויף פּאָגראָמען, קאַפּריזן פון אַראַבישע מושלים, אָדער שבטים־אָפּרעכענונגען. אַז מיר האָבן אַן אייגענע היים, פאַר וואָס זיין דער קרבן פון פּאָליטישע קאָניונקטורן וואָס האָבן מיט יידן קיין שייכות נישט, זענען אַ דירעקטער פּועל־יוצא פון צווישן־אַראַבישע שנאה־אויסבראָכן; אָדער אַפילו צוליב חשבונות מיט דער יידישער מדינה, פאַר וואָס? אַז יאָ ברענגען אַ קרבן, איז ביי זיך אין לאַנד, פאַר אַ בעסערער צוקונפט אין דער מדינה, וואָס ראַנגלט זיך מיט שווערי־קייטן און דאָס צוליב דער בלינדער און געשווירענער שנאה פון די פאַנאַטישע אַראַבישע מושלים, און טאַקע דאַ, אויפן אָרט, העלפן אינעם געראַנגל. העלפן בויען, העלפן אויסבעסערן די לעבנס־באַדינגונגען.

קיין פאַך האָט ער נישט געקענט, איז ער אַוועק אין אַ קיבוץ, אַרבעטן אין פעלד, באַאַרבעטן אייגענע ערד. נאָך עטלעכע חדשים, באַזוכנדיק לאַנדסלייט אין טבריה, האָט ער באַגעגנט ביי זיי זיין באַשערטע נעמי, שוין אַ דאָ־געבוירענע. האָבן אירע עלטערן גע־זאָגט — מסכים אָבער מיטן באַדינג, אַז ער זאָל נישט פאַרבלייבן אין קיבוץ נאָר קומען אַרויסהעלפן זיי אינעם אויבסט־און ירקות־קלייטל אין שוק. פון גרויס ליבע צו נעמין האָט ער געטון זייער רצון, ער האָט געטון אַלץ כדי אַרויסצוהעלפן אירע עלטערן און פאַרדינען אויך פאַר זיין הויז. ער איז געפאָרן אין די קיבוצים און מושבות אין דער געגנט און אויפגעקויפט ביליק פּירות, גראָד פון בוים אַראָפּ און גרינצייג, גראָד פון דער ערד אַרויס, קוים דערשטאַנען און מן המובחר — און געשלעפּט זיך, מיט די קעסטלעך אָדער זעק אויפן רוקן, אין אויטאָבוסן, לאַסטאויטאָס, אָדער צו פוס, זיך שיער אָפּגע־ריסן דאָס געזונט. דערנאָך איז ער געשטאַנען ביי די סטראַגאַנעס אויפן מאַרק, געהאָלפן פאַרקויפן. נעמיס טאַטע־מאַמע זענען געווען

אַלט און קראַנק, קוים געשטאַנען אויף די פיס; עברית ריידן האָבן זיי כמעט ווי נישט געקענט. נעמי האָט אין אָנהייב פאַרבראַכט מיט זיי אין מאַרק. אָבער גיך האָט זי אָנגעהויבן קינדלען, כמעט יעדעס יאָר — אַ קינד. איז זי נישט געווען שוואַנגער, האָט זי דערנערט אַ קינד מיט דער ברוסט, אָדער אונטערגעקרענקט. און, ווען עס האָט זיך אָנגעזאַמלט אַ שטוב מיט קינדער, איז זי כמעט נישט אַרויס אין גאַס. קינדער דאַרפן אָבער נישט נאָר אַ מאַמען, נאָר אויך אַ טאַטן. קינדער קרענקען דאָך אונטער בעת די ערשטע יאָרן. האָט ער, מישעל, געמוזט זיין מער אין שטוב, ווי ביים אויפקויפן די פּראָדוקטן אָדער אין מאַרק. זענען די קונים געוואָרן שיטערער און די רווחים וואָס אַ מאָל קלענער. נעמיס יינגערער ברודער האָט זיך אַרומגעדרייט פּוסט און פּאַסט, געלאָזט זיך וואַקסן לאַנגע האָר און אַ ווילדע באָרד, פאַרפּלאָנטערט זיך מיט הפקר־יונגען און נישט געוואָלט הערן וועגן טאַטע־מאַמע, נאָך ווייניקער וועגן שוק. צוויי צווילינג־שוועסטער זענען אַוועק אַרבעטן אין רעסטאָראַן אין באר־שבע, און אַריינגעשיקט עטלעכע לירות פון צייט צו צייט; נישט נאָכגעפרעגט זיך אַפילו וועגן שוק. אַן עלטערער ברודער האָט געאַרבעט אין חיפהער פּאָרט און אַרויס־געהאָלפן אַ שוועסטער, מיט וועלכער ער האָט געוווינט אין איין צימער, צו לערנען זיך בוכהאַלטעריע. זי פלעגט קומען פרייטיק פאַר טאָגס, העלפן פאַרקויפן די ערב־שבת פּראָדוקטן — אָבער עס האָט נישט געקאָנט ראַטעווען די לאַגע. זיי האָבן לסוף געמוזט זיך געזעג־נענען מיטן שוק און לעבן פון דעם, וואָס די קינדער האָבן זיי צוגעוואָרפן...

מישעל האָט דעמאָלט געפונען אַרבעט אין קוראָרט, ווו מ׳האָט געזוכט אַ נאַכטוועכטער. ער איז געווען צופרידן פון דעם, וואָס ער איז באַשעפטיקט ביי נאַכט. אַזוי נאָך קאָן ער צוהעלפן נעמין ביי טאָג, זיך פאָרען אַרום די קינדער, ברענגען פרישע אייער און קעז־וואַרג פון אַ פערמע, אַ יונג הינדל, אַ פּישל ערשט פון כינרת אַרויס, אַ קעלבערן לעבערל, אָקאָרשט נאָך דער שחיטה, און אויבס, ירקות,

און אויך צוזאַמענשטעלן אַ בגד, אַ קליידל, אַ העמדל, אַ פּאָר הייזלער, שטעקשיכלער, וואָס ער האָט אַליין צוגעשניטן, צונויפ־גענייט, צוגעפּאַסט. וואָס די אויגן האָבן געזען, האָבן זיינע הענט געקענט.

און, ווען די משפּחה איז זיך פונאַנדערגעוואַקסן, און דער געהאַלט האָט נישט געסטייעט, טראַץ דער הוספה פאַר אַ שטוב מיט קינדער, האָט ער אָנגעהויבן דעם סטרייק, אויף זיין שטייגער. צוליב פּאַטריאָטיש־נאַציאָנאַלע טעמים האָט ער ווייטער געאַרבעט. יע־דער דאַרף טון זיין חוב, און נאָך אַ סך מער. עס פעלן דאָך אַרבעטסהענט אין לאַנד. אַזוי פיל טויזנטער זענען אין דער אַרמיי, אָדער אין מילואים. מ׳מוז זיך רעכענען מיטן מצב.
און נאָך אַ סיבה געווען צו זיין סטרייק־מאַניפעסטאַציע, נישט דווקא פון עגאָיסטישע טעמים. אים איז געגאַנגען אַזוי נאָך צו קעמפן איינצייטיק פאַר די לוינען פון צאָלרייכע פאַמיליעס אין אַל־געמיין. ער האָט נישט געקאָנטליידן עוולות. אים איז געגאַנגען אין שאַפן אַ פּרעצעדענט. ער האָט געפילט אַז קעמפנדיק פאַר זיך, טוט ער עס אויך אין נאָמען פון אַלע צאָלרייכע משפּחות. זיי וועלן זיכער געניסן פון זיין דערפאַרונג.

די פּאָר טעג פון מיליטערישער שפּאַנונג און פון אומזיכערקייט אויף דער גרענעץ האָט ער געהאַט איבערגעריסן דעם סטרייק. איצטער איז ער ווידער דאָ.

כג

שרונה האָט זיך אָפּגעשטעלט נעבן מישעלן. זי האָט אים גע־בעטן ער זאָל צוזאַמענעמען זיין פאַמיליע און אַהיימגיין. עס דאַרפן באַלד קומען אַמעריקאַנער יידישע טוריסטן, וועט עס מאַכן אויף זיי אַ פיינלעכן איינדרוק. זאָל ער גיין און קומען מאָרגן .נאָר נישט היינט.

ער האָט נישט געוואָלט הערן. ער האָט געקוקט אויף איר מיט פאַרדרוס און כעס.

„ווו איז דיין פאַטריאָטיזם, מיט וועלכן דו ביסט אַזוי שטאָלץ״ — האָט זי געפרעגט — „און וואָס איז מיט דיין ליד, וואָס דו ברומסט תמיד אונטער? ללכת שבי אחריך, דיר נאָכצוגיין אַ פאַרכישופטער, לנשום את השמש הצורב, צו אָטעמען די ברענענדיקע זון; דאָס מיינט — צו אַקצעפּטירן דאָס שווערע לעבן... דערוויל ביסטו נישט פעיק אויפצוגעבן אויף אַ פאַרמיטאָג דיין פּלאַן; ווו איז דיין אידעאַליזם, מישעל?״

„פאַרגעס נישט, שרונה, אַז פאַראַן אַ סוף־שורה אינעם רעפּ־רעז, וואָס זאָגט: לכאוב אותך ושוב להתאהב, וואָס וויל זאָגן — ווייטיקן צוליב דיר, אויסקרענקען דיך, מיין לאַנד, און ווידער זיין פאַרליבט אין דיר... מיין שריט איז פאַר דער טובה פון דער מדינה און אירע קינדער, און מתוך אהבה צום לאַנד...״

מישעל האָט גענומען זינגען די ווערטער פונעם רעפרען, אויס־קלאַפּנדיק מיטן פאַנקאַרט־שטעקן דעם ריטעם. די עלטערע קינדער האָבן אונטערגעכאַפּט. דאָס פּיצעלע קינד, אויף דער שויס פון דער

זיצנדיקער מאַמען, האָט נישט געקענט מיטזינגען, האָט עס גענומען וויינען.

עס איז פאַרפאָרן מיט אימפּעט און גרויס רעש אַן אַמעריקאַנער טוריסטן־אויטאָבוס, און אָפּגעשטעלט זיך מיטן פאָדערראָד דאָרט, ווו עס איז געזעסן די מאַמע מיטן קינד. דאָס קינד האָט זיך דער־שראָקן, גענומען נאָך שטאַרקער וויינען. די מוטער האָט אים גע־שטופּט דעם וואָרצל פון איר ברוסט אין מויל אַריין, כדי עס זאָל אַנטשוויגן ווערן, אָבער אָן דערפאָלג.

„וואָס איז דאָס?" — האָבן געפרעגט עטלעכע טוריסטן.

„מיר סטרייקן" — האָט געזאָגט מישעל און איבערגעחזרט דאָס זעלבע אין ענגליש.

„אָבער די קינדער וואָס טוען דאָ?" — האָט איינער געפרעגט.

„זיי סטרייקן אויך".

„און דאָס זויגקינד?"

„אויך!"

„מאָדנע, זייער מאָדנע; וועָרי, וועָרי קוויר, וועָרי פּעקיוליער" — האָט זיך געחידושט אַן עלטערער טוריסט, דער איינציקער צווישן זיי, וואָס האָט געטראָגן אַ קראַוואַט מיט אַ רעקל.

דער אויטאָבוס איז אַוועק צום פּאַרקינג־פּלאַץ. אַ גרופּע טור־ריסטן האָט זיך געזאַמלט אַרום די סטרייקערס.

שרונה האָט זיך באַמיט אויפצוקלערן, פּאַרטיידיקנדיק די שטע־לונג פון דער דירעקציע, וועלכע צאָלט לויט סינדיקאַט־לוינען, נאָר מישעל האָט פּראָגרעסיווע אַנשויאונגען און...

„ער איז אַ רעוואָלוציאָנער!" — האָט איינער באַמערקט.

„אַ קאָמוניסט! מ'דאַרף אים צוריקשיקן פון וואַנען ער קומט!" — האָט זיך געבייזערט אַ טוריסט מיט אַ רויט פּנים און אַ שוואַרצן קאַפּל אויפן קאָפּ.

„אַ סטאַליניסט" — האָט קאָמענטירט אַ דריטער. — „גיי לאָז

זיי אַריין, און זיי פֿאַרשוואַרצן דיר נאָך דאָס פּנים. זאָל ער פֿאָרן קיין מאָסקווע! דאָרטן וועט מען אים שוין באַלוינען און באַלוינען... פֿאַר יעדן טאָג סטרייק — אַ יאָר קאַטאָרגע...״

עס איז אויסגעבראָכן אַ רעש פֿון געלעכטער און הייטערע באַמערקונגען אויפֿן חשבון פֿון די סאָוויעטן און זייער יושר, בפֿרט כּלפּי יידן. איינער אַ ייד, אַ פּנים — נישט לאַנג צוריק עולה געווען פֿון ראַטנפֿאַרבאַנד, און וואָס האָט געוואַרט אויף זיין ריי צו די בעדער, — האָט גענומען זיך היצן, און דערציילן וועגן זיינע פּופּצן יאָר שטראָפֿלאַגער, פֿאַר ווייניקער ווי אַ טאָג סטרייק, דהיינו — פֿאַר דריי ווערטער נאָר, דאָס הייסט — פֿינף יאָר פֿאַר אַ וואָרט.

„וואָס פֿאַרא ווערטער?״ — האָבן זיך געפֿרעגט עטלעכע מיילער מיט אַ מאָל.

„עם ישראל חי!״ — האָט ער אויסגערופֿן, צעציטערנדיק יעדע זילבע. „אָט, דאָס זענען די דריי ווערטער״. ער האָט נאָך צוגעגעבן אַז ער האָט זיי אויסגערופֿן בקול רם נישט ווייט פֿון לענין־מאַוזאָלעאום, ווען אַן אָפֿיציעלע דעלעגאַציע פֿון פּאַלעסטינער אַראַבער האָט, מיט גרויס פּאַראַד, געלייגט דאָרטן אַ בלוט־רויטן קראַנץ.

„דאָס איז קידוש־השם״ — האָט איינער אויסגערופֿן פּאַטעטיש.

„קידוש־השם צו קידוש־השם איז נישט גלייך״ — האָט זיך אַריינגעמישט אַ ייד מיט אַ געלער באָרד, אַ הויכן שטערן און אַ געשטריקט קאַפּעלע אויפֿן שפּיץ קאָפּ, פֿאַרפֿעסטיקט מיט אַ גלאַנציקן שפּאַנער. ער איז געשטאַנען אין דער אָפֿענער טיר, אין אַ ווייסן באָדכאַלאַט און געוואָרפֿן נערוועיש פֿון איין האַנט אין דער צווייטער זיין מעשן בלעכל מיטן לויפֿנומער. ער האָט געאָטעמט שווער, ווי ער וואָלט געהאַט אַסטמע. עס האָט אויסגעזען, אַז ער טראַכט מער וועגן פֿרישע לופֿט און וועגן נישט פֿאַרלירן די ריי, ווי וועגן דעם וואָס עס קומט דאָ פֿאָר.

ער האָט איבערגעחזרט דאָס פריער געזאָגטע, אַקצענטירנדיק יעדעס וואָרט, און גענומען רעדן גיך: „אַ שטייגער די מאַמע, פון פאַרוואָרפענעם רוסישן העק וואָס איז עולה געווען מיט איר דריי־יאָריקן זונעלע; אַ יידישע מאַמע, וואָס האָט געלעבט מיט איר אייגן קינד דריי יאָר אויף קידוש־השם...״

ער האָט איבערגעריסן כדי אַ שעפּ צו טאָן פרישע לופט. אַלע־מענס אויגן זענען געווען געוואָנדן צו אים, פרעגנדיק — נו, וואָס הייסט? מאי קאַ משמע לן?

„איז דאָס ערשטע וואָס זי האָט געטון ,איז געווען — מל זיין איר קינד. זי האָט עס דאָרטן נישט געקאָנט טון. נישט געווען קיין מוהל. און ברענגען אַ מוהל אָדער פאָרן מיטן קינד צו אים איז גע־ווען בחזקת סכנת נפשות. פאַראַן דאָך שפּיאָנען אומעטום... און, ווי נאָר דער מוהל האָט אָפּגעזאָגט די ברכות און אויסגערופן — ויקרא שמו בישראל אברהם מנחם־מענדל, אַזוי איז די מאַמע צוגעפאַלן צום קינד, אַרומגענומען אים פעסט און געהאַלטן ספּאַזמאַטיש אין איין לאַנגן קוש. מ׳האָט זי ממש נישט געקאָנט אָפּרייסן. דאָס איז גע־ווען דער ערשטער קוש, וואָס די מאַמע האָט געגעבן איר קינד, דער ערשטער קוש זייט עס איז געבוירן געוואָרן... זי האָט געפילט ביז איצט, אַז דאָס קינד איז איר פרעמד, אַז עס געהערט זיך נישט אָן מיט איר משפחה, מיט איר פאָלק, אַז דאָס קינד איז נישט אין גאַנצן אירס, כל זמן עס ווערט נישט זיין געמלט... אַ יידישע מאַמע וואָס וואַרט גאַנצע דריי יאָר ביז זי גיט איר אייגן קינד דעם ערשטן קוש — איז קידוש־השם; דאָס הייסט — געלעבט אויף קידוש־השם, רבותי...״

ער האָט זיך אָנגעשפּאַרט אין דער דיקער ראַם פון דער איינ־גאַנגטיר, אַריינגעצויגן אַ פולע ברוסט מיט לופט. „די גליקלעכע מאַמע״, האָט ער ממשיך געווען רויק — „איז מיינע אַ קרובה, און אַ שכנה, אין שכונת־רמב״ם, אין טבריה העתיקה. דאָס האָב איך

געהייסן צוגעבן דעם קינד אַ נאָמען לשם סגולה, לזכר ר׳ מנחם־מענדל מוויטעבסק, דעם אבי הישוב האשכנזי בטבריה. מיין אור־אור־אור זיידע איז געווען צווישן זיינע 300 חסידים געקומענע צו־זאַמען מיט אים פון רייסן, מיט 200 יאָר צוריק. יאָ רבותי — לעבן על קידוש־השם. אַ לעבן צו אַ לעבן איז נישט גלייך״.

דער הילבער האָט גראָד גערופן זיין לויפנומער צו די בעדער.

כד

ווען די גרופּע איז געוואָרן שיטערער, האָט דער אַמעריקאַנער מיטן קראַוואַט און רעקל געפּרעגט פּאַרטרווילער: „אין וויפל גייט עס אייגנטלעך? וויפל הוספה פּאַרלאַנגט ער?"

„צוויי הונדערט לירות, ישראל־פונט, אַ חודש" — האָט שרונה געענטפערט.

„דהאַטס אָלל, דאָס איז אַלץ?" — האָט ער זיך צעלאַכט, און תוך כדי לאַכן אַרויסגעצויגן אַ טשעקביכל מיט אַ בליי פון בוזעם:

— „200 אַ חודש... לאָמיר זאָגן — 100 פונט; מ'דאַרף דאָך זוכן אַ פּשרה, און פאַר וואָס נישט מאַכן אַ געשעפט, האַ? און כאַפּן מצי־אות... ווערט עס אויסמאַכן 1200 אַ יאָר; דאָס הייסט — 150 טאָלער... דאָ האָסטו, קאָמוניסטל מיינער, אַ טשעק אויף 150 אַמעריקאַנער דאָלאַר, און געגאַנגען זאָל ווערן! נעם תיכּף צונויף דיין פעמילי, און ווערט נעלם. עס איז אַ צער בעלי חיים. גיטס נאָר אַ קוק אויפן פּיצע־לע קינדעלע ביי דער מאָמעס ציץ, עס שניידט ממש ביים האַרץ,... און וואָס פאַר אַ פּנים האָט עס פאַר אויסלאַנד, פאַר אַמעריקע?... מ'וועט דאָך זאָגן אַז מ'הונגערט דאָ אויס קליינע קינדער... טראָץ די גרויסע געלטער פון אַמעריקאַנער יידן, וואָס ווערן דאָ אַריינגע־בראָקט, ווי אין אַ לעבערדיקן זאַק. אַ־נו, גאָ האָום, גייט אַהיים!"

מישעל האָט גענומען דעם טשעק, אים צעריסן אויף שטיקלעך:

„איך דאַרף נישט קיין נדבות, דאַרף איך נישט! עס גייט נישט אין מיר בלויז. עס גייט אין אַלע צאָלרייכע משפּחות. עס מוז געשאַפן ווערן אַ פּרעצעדענט. מען דאַגהט דאָך נישט גענוג לטובת די קינדער־

רייכע פאַמיליעס אין לאַנד; אויף זיי שטייט דאָך די צוקונפט פון דער מדינה. יידן מוזן קינדלען נישט ווייניקער ווי די אַראַבער. דער גאָט פון חומש האָט צוגעזאָגט אברהמען אַז זיינע קינדער וועלן זיך מערן ווי די שטערן אין הימל, ווי דאָס זאַמדביים ברעג ים, און — דערווייל, ווערט עס מקוים ביי די אַראַבער, און נישט ביי אונדז... מיטן באַגינציקן יידישע געבורטן, דורך הייבן דעם סאָציאַלן מצב פון די גרויסע משפחות, וועלן מיר דערמעגלעכן, דאָ אין לאַנד, דעם באַשעפער צו האַלטן זיין צוזאָג, וואָס ער האָט צוגעזאָגט צו אברהם אבינו..."

דער ייד מיטן קראַוואַט און רעקל איז געשטאַנען אַ געפּלעפּטער. ער האָט געבעטן שרונהן, אַז זי זאָל אים איבערחזרן, וואָס ער האָט אָקאָרשט געהערט, אין אַ קאָרעקטן ענגליש, מיינענדיק אַז ער האָט נישט אַלץ געגנוי תופס געווען. ווען זי האָט געענדיקט, האָט ער אַרויסגענומען ווידער זיין טשעקביכל און די בליי: „לאָמיר זאָגן, אַז עס איז יאָ אַזוי, און ריכטיק אַזוי. נאָט אייך דעריבער נישט אויף איין יאָר נאָר גאַנצע דריי, וועט עס זיין אַ קימאַ־לן פון 450; זאָל מען פּאַררונדיקן — 500 טאָלער. און — געגאַנגען זאָל ווערן! פאַרשוואַרצט נישט דאָס פּנים פון ישראל, צוליב אַזאַ קליינער סומע... יאָ, איר זאָלט נישט מיינען, אַז 500 טאָלער געפינט מען אין אַמעריקע אין דער גאַס; מ׳מוז שווער אַרבעטן דערויף, גאָר שווער... נו, געט אַוועי פראָם היר!"

מישעל האָט געקוקט אויף אים מיט שפּאָט: „נישט אין דער סומע גייט עס. עס האַנדלט זיך אין ברעכן אַן אומגערעכטיקייט, און נישט אין נדבות".

„דאָס איז נישט קיין נדבה, מיין פריינד. דאָס איז גיכער אַ סובווענץ אַזאַ".

די קינדער האָבן געקוקט אויפן פאָטער און נישט געוווּסט אין וואָס עס האַנדלט זיך דאָ. די מוטער האָט געקוקט אויפן טשעק, וואָס ציטערט אין דער האַנט פון אַמעריקאַנער, און געמאַכט אין קאָפּ

חשבונות וויפל אַ שטייגער שטובזאַכן און מלבושים, וועש, זי וואָלט דערפאַר געקאָנט קויפן פאַר דער היים פאַרן הויזגעזינט. און בייטן די מאַטראַצן וואָלט זי געקאָנט. זיי עיפּושן, דורכגענעצטע דורך די קינדערס השתנה; און קויפן אַ לייטיש בעטל פאַרן בכור; דאָס אַלטע איז שוין צו קליין פאַר אים און ברעכט זיך. און אַ נוצלעכע מתנה פאַר טאַטע־מאַמע, וואָס זענען אַזעלכע גרויסע נצרכים, וואָלט זי געקויפט, און געקאָנט אַרויסהעלפן די געשוויסטער, און אויך דעם יינגערן ברודער, אפשר וואָלט ער אַזוי נאָך זיך דאָך אומגעקערט אויפן גראָדן וועג, עס איז אפשר נאָך נישט צו שפּעט?

עטלעכע טוריסטן האָבן געוואָלט מאַכן אַ בילד פון די סטריי־קערס, און געבעטן זיך צונויפרוקן און פאַזירן מיט דער אויפשריפט געוואָנדן צו דער קאַמעראַ. דער ייד מיטן קראַוואַט און רעקל און איינער מיט אַ ירושלימדיקן בלאַ־ווייסן קאַפּל אויפן קאָפּ, האָבן נישט געלאָזן. „ניין! נישט לאָזן פאַרשוואַרצן דאָס פּנים פון ישראל!" — האָבן זיי געשריגן כמעט מיט איין קול.

דער אַמעריקאַנער האָט געשטופּט דעם טשעק מישעלן אין האַנט אַריין, און געבעטן גיין. מישעל האָט זיך געוועקט. „דאָס איז אַ פּרינציפּזאַך. אַפילו ווען מ'זאָל דאַרפן אונטערהונגערן. און וואָס שייך דער סובווענץ, טראָגט זי אין דער ישיבה, אויבן, אָדער צום מגן־דוד אדום, אָדער צום ראש העיר, דעם פינסקער פּיקח, ער וועט שוין וויסן ווי אַמבעסטן צו פאַרווענדן דאָס געלט, מיר בלייבן דאָ. כאן שובתים!"

מישעל האָט ווידער גענומען זינגען זיין באַליבטן רעפרען. די קינדער האָבן נאָכגעזונגען. דאָס פּיצעלע קינד האָט זיך צעוויינט, און די מאַמע האָט געשטופּט דעם צעביסענעם וואָרצל פון איר ברוסט אין זיינע צעעפנטע ליפּעלער.

כה

זי האָט געבעטן דעם עלעקטראָטעכניקער פון קוראָרט, דעם אַראַבער, מוסטאַפאַ סולימאַן, פון נצרת, ער זאָל קומען זען, תיכף נאָך דער אַרבעט, פאַר וואָס דאָס לעמפּל צינדט זיך נישט אָן, און עס פאַרריכטן. ער איז געקומען אַ סך שפּעטער ווי זי האָט גע־רעכנט. עס האָט שוין געגומען ווערן טונקל. ער האָט זיך פאַרנייגט, מיט זיין שטענדיקער העפלעכקייט, וואָס איז כאַראַקטעריסטיש פאַר די מענטשן פון מזרח. זי האָט אָבער אויסגעפונען, אַז זיין העפלעכ־קייט גרענעצט דאָס מאָל מיט איבערגעטריבענער אומגעשיקטקייט. דערצו האָט ער געהאַט אַ מיסטישן גלאַנץ אין די אויגן, וואָס זי האָט קיין מאָל נישט באַמערקט ביי אים.

ער האָט צוגערוקט דעם טיש אין מיטן צימער, כדי צו דער־גרייכן צום לוסטער. ער האָט זיך אַרויפגעשטעלט, גענומען אויפ־דרייען די שרויפן פונעם קלאָש, וואָס אונטער דעם לעמפּל. אפשר איז דאָס לעמפּל אויסגעברענט און מ׳דאַרף עס טוישן. ער איז לאַנג געשטאַנען אויפן טיש און געדרייט מיט די פינגער, מיט אַ צוואַנג, כדי לויז צו מאַכן די שרויפן. זיינע פינגער האָבן געציטערט אומגע־לומפּערט, נישט באַוויזן בייצוקומען די שרויפן. זיין טונקל פנים איז געשטאַנען אין פלאַמען. גרויסע טראָפּנס שווייס האָבן געוואָלט לעשן, פאַרשלעפּן זיי אַראָפּצו, ביז נאָפּל, וואָס האָט אַרויסגעקוקט פון צווישן די פונאַנדערגעגאַנגענע פליגל פון זיין אַרבעטסהעמד. עס האָט אויסגעזען, אַז באַלד וועלן זיך צעפלאַקערן די געדיכטע האָר פון זיין וואַנצע, אונטער זיין שפּיציקער נאָז.

פּלוצעם האָט זיך דערהערט אַ שאַרפער קלאַפּ. אַ שרויף האָט זיך אַרויסגעגליטשט פון זיינע פינגער און געפאַלן אויפן הוילן טיש. זי האָט זיך אָפּגעהויבן פון ראַנד פון בעט, גענומען די שרויף און אים דערלאַנגט, מיט אַ באַמערקונג:

„וואָס איז מיט דיר היינט, מוסטאַפאַ? עפּעס גייט ביי דיר נישט די אַרבעט".

„עס איז נישט לייכט צו אַרבעטן אין דער אָנוועזנהייט פון אַזאַ יונגער און שיינער פרוי, ווי דו, שרונה..."

„אויב אַזוי וועל איך דיך לאָזן אַ וויילע אַליין".

ווען זי איז געווען שוין נעבן דער טיר, האָט זי געפילט ווי ער פאַלט אָן אויף איר, און שלעפּט זי צוריק. ער איז אַראָפּגעשפּרונגען פון טיש, דירעקט אויף איר, און איר וויי געטון. ער האָט זי אַרומגענומען מיט זיינע פעסטע אָרעמס און געשלעפּט צום בעט. זי האָט זיך געוועהרט. אים אָפּגעשטויסן.

„וואָס איז מיט דיר מוסטאַפאַ? ביסט אַראָפּ פון זינען!"

„יאָ, שרונה. פון לאַנג שוין נעמט מיך די נכפה, ווען איך זע דיך... אָבער, כ'האָב מורא געהאַט פאַר וויקטאָרן".

„איך וועל דערציילן וויקטאָרן. ער וועט דיך דערהרגענען, וועט ער".

„וויקטאָר איז צוריק צו זיין ווייב. ער האָט דיך שוין גענוג. גענוג!"

„נישט אמת, נישט אמת!" — האָט זי זיך פאַרטיידיקט און געריסן פון זיינע הענט. „נישט אמת. ער האָט מיך נישט גענוג. ער איז אין מילואים, ער וועט באַלד צוריקקומען צו מיר".

„חלומות. ער איז נישט אין מילואים. די גאַנצע מאָביליזאַציע איז נישט מער ווי אַ בלאָף, אויף אָפּצושרעקן די סיריער... און וויקטאָר איז ביים ווייב. וועסט אים מער נישט צוריקזען. ער איז צוריק צום ווייב און צו די קינדער. איצט וועסטו זיין מיינע. מיינע אָרעמס זענען נישט שוואַכער פון זיינע..."

„ער וועט יאָ קומען, יאָ קומען. ער וועט דיך אומברענגען!״

„מ׳וועט זען ווער וועמען עס וועט פריער אומברענגען!״

זי האָט גענומען שרייען, זיך וואַרפן. ער האָט איר צוגעהאַלטן דאָס מויל.

„מישעל!״ — האָט זי גענומען שרייען מיט אַלע כוחות — „מי־שעל, מי־שעל!״

„מישעל איז נאָך נישט געקומען. נאָך צו פרי. אומזיסט דיין שרייען, צו פרי!״

מישעל איז, גראָד דעם אָוונט, געקומען פריער ווי תמיד. ווען ער איז נאָך געווען געננוג ווייט, האָט זיך אים געדאַכט, אַז ער הערט רופן זיין נאָמען. ער האָט צוגעאײַלט זיינע טריט. אָנגעשפּיצט זיין געהער. ער האָט דערקענט דעם קול: שרונה! ער האָט אַריינגעשיבט אַ קויל אין דער שיסרער, און גענומען לויפן נאָכן קול.

מוסטאַפאַ האָט זיך נישט געריכט אויף אים. ער איז אַראָפּ פון בעט און אַרויסגעכאַפּט אַ מעסער.

„וואַרף אַוועק דאָס מעסער!״ — האָט מישעל באַפוילן — „ווייל כ׳שיס דיך ווי אַ הונט, ווי אַ הונט, מוסטאַפאַ!״

„איר, יידן, זייט חכמים מיט געווער... אָבער מיר ווען אייך אַלעמען אויסשעכטן מיט מעסערס...״

„זאָג נאָך איין וואָרט, מוסטאַפאַ, און עס וועט זיין דיין לעצט וואָרט!״

„מיליאָנען וועלן קומען נעמען נקמה פאַר מיר... די צייט איז נישט ווייט, אַ סך נאָענטער ווי איר מיינט!״

מישעל האָט געהאַלטן זיין פינגער אויפן צינגל, גרייט צום שיסן.

שרונה איז אונטערגעשפּרונגען. נישט געלאָזן. מישעל האָט זיך געראַנגלט מיט איר.

מוסטאַפאַ האָט עס אויסגענוצט, געעפנט דאָס פענצטער צום גאָרטן, איז אַרויף אויפן דאַך, און אַראָפּגעשפּרונגען. איידער ער

איז אַוועקגעלאָפֿן, האָט ער אַרויפֿגעשריגן: „וועסט שפּעטער וועלן שלאָפֿן מיט מיר, און איך וועל נישט וועלן. וועסט זען!"

מישעל האָט געוואָלט אויסלאָדן זיין גאַנצן קוילן־רעזערוואַר אינעם אויסוווּרף, אָבער שרונה האָט אָפּגעוואָנדן די לופּע פֿונעם ציל.

ער האָט זיך אַוועקגעזעצט, וואַרפֿנדיק זיך פֿון כּעס. זיינע טונקעלע באַקן, פֿון דער אַלזשירער זון, מיט אַ צומיש פֿון דער גלילער, זענען איצטער געווען ממש שוואַרץ. זיין לאַנג פּנים האָט איצט אויסגעזען נאָך לענגער און ביינערדיקער. ער האָט זיך אויפֿגעריסן עטלעכע מאָל פֿון געזעס, צוגעלאָפֿן צום פֿענצטער מיט דער ביקס אין אַ שיס־פּאָזיציע. עס איז אָבער געוואָרן פּלוצעם שפּעטאָוונטיק און עס איז געווען אוממעגלעך צו אונטערשיידן פֿון דער ווייטנס דעם שאָטן פֿון אַ בוים אויפֿן ווינט פֿונעם שאָטן פֿון אַ מענטש, וואָס באַוועגט זיך גיך.

„מ'טאָר זיי נישט גלייבן" — האָט ער געזאָגט מיט כּעס. „יאָ, איך קען זיי גוט, די אַראַבער. נאָך דעמאָלט, ווען כ'בין געזעסן מיט זיי אויף איין שולבאַנק, האָבן זיי שוין געשפּיגן אויף מיר, אָנגעפֿאַלן אויף מיר פֿאַר אַ נישט און אַ גאָרנישט. זיי האָבן געזאָגט, אַז איך בין אַ רעוואָלוציאָנער, ווייל כ'האָב זיך נישט געלאָזן, און צוריקגעשפּיגן, צוריקגעשלאָגן. זייער שנאה צו מיר האָט געשטאַמט נישט נאָר פֿון דעם וואָס כ'בין אַ ייד, נאָר וואָס כ'בין געווען דער בעסטער שילער אין קלאַס, און דאָס לערנען איז מיר אָנגעקומען לייכט. נו, לסוף האָבן זיי מיך פֿאַרטריבן פֿון שולע, מיט אַ לאָך אין קאָפּ... יאָ, איך קען זיי גוט... און ער, מוסטאַפֿאַ, איז מיר פֿון ערשטן מאָמענט אָן געווען פֿאַרדעכטיק. כ'האָב אים געהאַלטן אויפֿן אויג. כ'האָב זיך נישט טועה געווען. אַ שאָד, וואָס כ'האָב אים נישט אַוועקגעלייגט, וואָלט געווען מיט איין רוצח ווייניקער..."

שרונה איז געזעסן אויפֿן ראַנד פֿון בעט און געוויינט. עס האָט איר געקלאַפּט אין די שלייפֿן און געררוישט אין בויך. עס האָט זיך

איר געדאַכט, אַז אירע האָר שטעלן זיך אויף און רייסן זיך צום באַלקן. זי האָט פאַרלייגט ביידע הענט איבערן קאָפּ.

„אָט, ווי זיי צאָלן אונדז אָפּ" — האָט מישעל ווייטער גערעדט ווי צו זיך — „מ'נעמט זיי אַריין אין אונדזערע טעכנישע שולן, מ'מאַכט זיי פאַר לייט, מ'גיט זיי אַ לייטישן פאַר, מ'נעמט זיי אַריין אַרבעטן אין אונדזערע אַנשטאַלטן און אַ לוין באַקומען זיי לויט אַלע סינדיקאַלע כּללים — און אָט, ווי זיי צאָלן אָפּ... אַ מאָל זענען זיי געריטן אויף אייזעלער הויט און ביין, געגאַנגען באָרוועס. איצטער פאָרן זיי אין אייגענע אויטאָס, וווינען אין אייגענע ווילעס, און פאָרן שוין אויף וואַקאַציע אין חוץ־לארץ; נישט אַנדערש געוווינט, די מדבר־שבטים..."

שרונה איז געזעסן מיט די עלעבויגנס אָנגעשפּאַרט אין אירע קני, דעם קאָפּ אַראָפּגעבויגן, אונטערגעהאַלטן דורך ביידע האַנט־פלאַכן. עס האָט זיך געהערט דאָס פעסטע און גיכע קלאַפּן פון איר האַרץ.

מישעל האָט זיך ווידער אויפגעריסן, צוגעלאָפן צום פענצטער מיט זיין געוועער און איבערגעחזרט: „אַ שאָד, וואָס כ'האָב אים נישט אַוועקגעלייגט ווי אַ הונט, ווי אַ קרעציקן הונט, אַ גרויסער שאָד!"

כו

שרונה איז גוט געשלאָפן. אַזוי ווי איין פיל האָט נישט געווירקט, האָט זי גענומען אַ צווייטע. דערנאָך — אַ דריטע, די לעצטע. שוין לאַנג ווי זי שלאָפט נישט אַזוי גוט. זי ווייסט נישט וואָס אַזוינס וואָלט מיט איר געשען, ווען זי שלאָפט נישט אַדורך די נאַכט, מעג עס זיין קינסטלער, נאָך דער אויסטערלישער געשעעניש.

ווען מען האָט געקאָנט איינפאַלן אַזאַ זאַך? ער האָט אויסגעזען אַ געלאַסענער, אַ העפלעכער, דערצויגענער. פלעגט איר אָקעגנ־טראָגן פון אַ מהלך אַוועק אַ גאַר פריינדלעכן „שלום״, אָדער „בוקר אור״. זי האָט אים נישט חושד געווען אין גאָרנישט.

ווען נישט מישעל, דער גוטער און איינציייטיק מאָדנער מישעל, ווען נישט ער! ווען אַ גוטער ווינט יאָגט אים נישט אַן צופעליק, ווען אַ פאַרבאָרגענער פאַרגעפיל שיקט אים נישט אַהערצו פריער ווי תמיד — ווער ווייסט וואָס ער וואָלט געטון מיט איר? ער האָט דאָך געהאַט ביי זיך פאַרשטעקט אַ מעסער, אַ שפרינגמעסער.

זי וואָלט זיכער אַראָפּ פון זינען, ווען זי האָט נישט ביי זיך די דריי פילן, וואָס דער דאָקטער האָט איר אין דער פרי געגעבן. אַ קלענערע דאָזע וואָלט זיכער נישט געהאָלפן. סיי ווי האָט זי זיך געפייניקט אַ צייט, צווישן וואָר און חלום, ביז זי איז גוט איינגע־שלאָפן... זי האָט זיך געזען אין אַ הייל, אין וואַלד, ווילדע חיות אַרום... זאָשקע, קעלער, ראַטן, וויסטע באַהעלטענישן... קלויסטער־מענטשן וואָס ווילן אָפּשמדן... און דער טאַטע. דער טאַטע פליט פון צווייטן שטאָק און תכריכים... יינגלעך שרייען אויף איר „פרינצעסין״

און ווילן זי באַשלאָפֿן... און עמירם. עמירם וואָס איז פֿאַרליבט אין זיין לופּטמאַשין, און לסוף פֿאַרראַט זי אים — די מאַשין — ערגער ווי אַ פֿרוי, ערגער... אָט, די פּלעגשולע. דער יונגער דאָקטער אין פּינצטערן רענטגען־צימער. און אָט, וויקטאָר, וויקטאָר, וויקטאָר! ער האָט אַ פֿרוי, וויקטאָר. צוויי קינדער. אַ דריטס אונטערוועגס. נאָך וואָס דאָס דריטע? פֿון צוויי וועט זיין לייכטער אָוועקצוגיין... נישט ביי אונדז. אפשר ביי אייך? ער שלעפּט זי צום לאַסטאויטאָ, וויל זי אַריינוואַרפֿן ווי אַ באַלעם. זי אַנטלויפֿט, אַנטלויפֿט. ער יאָגט זי נאָך. „כ'האָב דיך ליב, שרונה. מאָרגן אָוונט, מאָר—גן אָ—וונט"... ווו איז דער מאָרגן אָוונט, ווו? ווען?... עמעץ זאָגט איר „שלום", אַ שאָטן צווישן די ביימער. דער שאָטן און די אויסשפּראַך פֿון מוס־טאַפֿאַ. אָבער וואָס טוט ער דאָ אין דער צייט?... יאָ, עס איז אויף אַן אמת געווען מוסטאַפֿאַ. ער שפּיאָנירט זי. ער טוט עס שוין פֿון לאַנג. זי דערמאָנט זיך... ווען זי דערקענט אים דעמאָלט, וואָלט זי אים נישט גערופֿן פֿאַרריכטן די עלעקטרע. זי האָט אים אַנומלט באַגעגנט אַראָפּגיין פֿון אירע שטיגן, אפשר האָט ער דעמאָלט צעשטערט די ליכט, מיט אַ כוונה צוריקצוקומען און קאָנען אַזוי נאָך אויספֿירן זיין געפּלאַנטן אָנגריף? דעריבער איז ער געקומען שפּע־טער, ווי אָפּגערעדט, ווען דער לעצטער אַרבעטער האָט פֿאַרלאָזן דאָס קוראָרט און איידער מישעל קומט. מאיר איז דאָך אין מילו־אים... ווי אַ ווילדער רויבפֿויגל גיט ער אַ שפּרונג אַרויף אויף איר גראַד פֿון טיש אַראָפּ, און וויל זי פֿאַרצוקן, פֿאַרצוקן, אויסזויגן איר בלוט ביזן לעצטן טראָפּן, אויסזויגן איר מאַרך, אויפֿפֿרעסן אירע אינגעווייד, אויפֿ־פֿרעסן...

אַן אויסגערוטע איז זי געגאַנגען צו דער אַרבעט. זי האָט נאָך געפֿילט אַ מידקייט אין די פֿיס, אַ גריבלען הינטערן נאַפּל און אַ קלאַפּן אין די שלייפֿן; אָבער — ווען נישט די גוטע פֿינף־זעקס שעה פֿון אַ נישט־איבערגעריסענעם שלאָף, וואָלט מען זי באַשטימט

איצט געדאַרפט אָפּפירן אין אַ פסיכיאַטרישן אַנשטאַלט.

ביים איינגאַנג איז מישעל מיט זיין הויזגעזינט היינט נישט געזעסן. זעט זיך אויס, אַז די אויסטערלישע איבערלעבונג האָט אים אויך צוזאַמענגעבראָכן, און ער איז אַהיימגעגאַנגען שלאָפן, באַלד נאָך דעם נאַכטדינסט. אַזאַ געשעעניש קאָן אַ תל מאַכן פון גרעסטן ריז. היינט ערשט די אַנטוישונג אין מענטש. און על אחת כמה וכמה — זיינע דראָאונגען, די אָפענע דראָאונגען... מישעל האָט אים געוואָלט אַוועקלייגן, אומברענגען אַ טויט־שונא. זי האָט נישט געוואָלט האָבן אויפן געוויסן, אַז אַ מענטש איז אומגעקומען צוליב איר. ער איז זיכער אַ פאָטער פון קינדער; ביי זיי האָט מען דאָך אַ סך קינדער... און עס וואָלטן זיך אָנגעהויבן פאָרשונגען אָן אַ סוף, וואָס וואָלטן מסתמא געפירט ביז וויקטאָרן, ביז זיין ווייב... און זי, שרונה, וואָלט נישט אַראָפּ פון די שפּאַלטן פון די צייטונגען — אירע בילדער, אירע דערקלערונגען, באַשרייבונגען פון געוואַלד־אָנגריף, די סצענע אויפן בעט. אַ חוץ דעם, וואָלטן די ידיעות אין די צייטונגען געשטערט דער פּאָליציי אין איר אויספאָרשונג.

מישעל האָט טאַקע באַלד דעם זעלבן אָוונט זיך פאַרבונדן מיט דער פּאָליציי, כדי זי זאָל תיכף אָנהייבן זוכן, בשתיקה און מעטאָדיש, און אַנטדעקן נישט נאָר אים, מוסטאַפאַ, נאָר אויך די געהילפן זיינע, די באַנדע פאַררעטערס וואָס גרייטן זיך, און זייער צייט איז שוין נישט ווייט...

זי האָט באַשלאָסן צו גיין צום דאָקטער. אים דאַנקען פאַר די דריי פּילן. זי וועט אים זאָגן, אַז פון היינט אָן וועט זי זיך נייטיקן נישט אין איין שלאָפּפּיל, נאָר אין גאַנצע דריי, יעדע נאַכט. זי וועט אים דאַנקען און בעטן אים נייע פּילן. ער וועט זיך חידושן. האָט זי דאָך ערשט געדאַרפט קומען צו אים אין דריי טעג אַרום. זי וועט אים זאָגן, אַז זי האָט זיי פאַרלוירן, אַלע דריי. זיי זענען אַריינגעפאַלן אין אַ וואַנע, בעתן אַרויסהעלפן אַן אומבאַהאָלפענער זקנה אַרויסגיין

פון וואַסער, און זיי זענען צעשמאָלצן געוואָרן... אָבער, ניין. ער וועט דערקענען אויף איר, אַז זי האָט זיי איינגענומען. ער האָט אַ גוט אויג, דער דאָקטער. אַז ער האָט געקאָנט פאַרויסאַגען בחוש, אַז זי וועט עווענטועל זיך נייטיקן אין דריי פּילן מיט אַ מאָל — אַנדערש וואָלט ער דאָך איר נישט געגעבן מער ווי איין פּיל, אָדער צוויי — וועט ער דאָך זיכער דערקענען אויף איר, אַז זי האָט טאַקע אַראָפּ־געשלונגען אַלע דריי... נאָך וואָס דאַרף ער זי האַלטן פאַר אַ ליגנע־רין, און זי זאָל פאַרלירן ביי אים דעם גאַנצן קרעדיט? זי וועט דאָך אים איצט מוזן אָפּטער באַזוכן... זי וועט אים זאָגן דעם אמת. זי וועט אים דערציילן דעם סוד פון מוסטאַפאַס אָנגריף און זיינע דראָונגען, אַ סוד וואָס נאָר ער מעג וויסן, און די פּאָליציי... און ער וועט איר געבן נאָך פּילן, נאָך און נאָך. ער וועט פאַרשטיין, אַז אַזאַ איבערלעבעניש לאָזט איבער טיפע שפּורן, טיפע און דויערנ־דיקע שפּורן...

כז

די נאַכט איז זי שוין וויניקער געשלאָפן. דער דאָקטער האָט איר געגעבן נישט מער ווי צוויי פּילן.

„מ׳טאָר נישט. מ׳טאָר נישט, ליבע שרונה. וועסט דיך צוגע־וווינען. וועסט מוזן שפּעטער בסדר הייבן די דאָזע, אַזוי אָן אַ סוף".

„איך ווייס, גוטער רופא. אָבער עס איז דאָך בלויז אויף דער־ווייל, עטלעכע טעג נאָר; אויב כ׳וועל נישט אויסשלאָפן זיך געהעריק די נאָענטסטע נעכט, דראָט מיר אַראָפּצוגיין פון זינען".

„חלילה וחלילה, עס פּאַסט גאָרנישט פאַר אַ דיפּלאָמירטער פלעגערין צו ברענגען אַזעלכע רייד איבערן מויל".

„טאָ זאָל זיין — פיר פּילן, אויף צוויי טעג".

„האַ! ווילסט זיין קליגער פון מיר? מ׳קען זיך דערויף. ווילסט מיך זען, זע איך, יעדן דריטן טאָג, שלעכטע וואָס דו ביסט. און איך זעסטו מיך, וויל דיך זען יעדן טאָג, וואָס אָפטער..."

עס האָט געדויערט לענגער ביז זי איז איינגעשלאָפן. מוסטאַפאַ מיט זיין מעסער איז איר בסדר געשטאַנען פאַר די אויגן. אָט, שפּרינגט ער אַרויף אויף איר, פון טיש אַראָפּ, און אַ מעסער אין האַנט. ער גייט שעכטן. נישט נאָר זי גייט ער שעכטן, נאָר אַלע יידן, און אים — וויקטאָרן, וויקטאָרן... זי וויל נישט, אַז וויקטאָר זאָל אומ־קומען, זי וויל נישט... און נישט אמת, אַז ער איז צוריק צו זיין פרוי, צו זיינע קינדער. ער וועט זיך אומקערן צו איר, צו שרונהן, ער מוז זיך אומקערן. זי וועט וואַרטן אויף אים. ער וועט זיין אירער, אין גאַנצן אירער. זי וויל אַ קינד פון אים, אַ קינד פון אים, אַן אייגן

קינד... זי וויל נישט, אַז דאָס קינד זאָל זיין אַ יתום... היט דיך, וויקטאָר! היט דיך פאַר מוסטאַפאַ! אָט, פאַרמעסט ער זיך קעגן דיר מיט אַ מעסער, אַ שפּרינגמעסער, וויקטאָר!

מישעל האָט געהערט אין דרויסן אירע געשרייען, האָט ער פאַרשטאַנען, אַז זי האָט קאָשמאַרן, רעדט פון שלאָף, נאָך דער שרעקלעכער נאַכט. ער האָט זיך געדרייט אויפן גאַנעק אַהין און אַהער, גרייט אַריינצוגיין. נאָך אַ צייט איז זי אַנטשוויגן געוואָרן. עס האָט זיך דערהערט איר שנאָרכענדיק אָטעמען.

דאָס ווירקן פון די פּילן האָט נישט געדויערט ביזן טאָג אַריין, ווי אַ נאַכט פריער. עס איז געווען נאָך פאַר ערב טאָג. אַ באָמבאַר־דיר־מאַשין איז געפלויגן גאָר הויך, און קוים געמאַכט ציטערן דעם סוף־נאַכטיקן נעפּל־מאַנטל איבערן כינרת. זי האָט באַשלאָסן גיין אין אַנשטאַלט, נעמען אַ הייסע באָד. דאָס וועט איר שטילן די נערוון און אָפּקילן די בלוטן, וואָס זידן אין איר ווי אין אַ קעסל. זי וועט עס טון איידער עס קומען די ערשטע קורגעסט.

אין דרויסן האָט זי באַגעגנט מישעלן.

ער האָט איר אָנפאַרטרויט, אַז די פּאָליציי־פאָרשונג איז אויף די שפּורן נישט נאָר פון מוסטאַפאַ, נאָר אויך פון דער טעראָריסטישער באַנדע אַרום אים. ער האָט איר געזאָגט, אַז ער האָט באַשלאָסן דערווייל אויפצוגעבן דעם סטרייק. עס איז איצט נישט די צייט צו מאַני־פעסטירן. די מוסטאַפאַס און זייערס גלייכן מערן זיך ווי די גיפט־שוואָמען נאָך אַ ברכה־רעגן. זיי ווערן געפערלעך. מען דאַרף בכן זיין געאייניקט קעגן אינערלעכן און אויסערלעכן שונא, און אַוועק־שטעלן דערווייל אַלע אַנדערע פּראָבלעמען און סאָציאַלע סיכסוכים אָן אַ זייט. דערווייל... אָ, ער קען אים, דעם אַראַבער. ער לויערט אויף זיין קרבן געדולדיק, און ווי נאָר ער באַמערקט ביי אים סימנים פון שוואַכקייט, פון שלאָפקייט, פון נאַכגיביקייט — אַזוי פאַלט ער אָן אויף אים. ער האַלט דאָס וואָרט אַזוי לאַנג, ווי עס דינט אים זיינע עגאָאיסטישע אינטערעסן. דערנאָך — איז יעדער תירוץ גוט אויף צו

באַנייען דעם אָנגריף קעגן אומגלויביקן, קעגן דעם וואָס איז נישט אַ מוזולמענער, אָדער קעגן פרעמדן, וואָס ער באַטראַכט ווי אַזעלכן. דאָס איז געווען אויך דער פאַל וואָס שייך די פראָנצויזן אין צפון־אַפריקע, די ענגלענדער אין אוגאַנדאַ וכדומה. דער אַראַבער, דער מוזולמענער, וועט דערצו געפינען אַ פסוק אין קאָראַן, און אַ פרע־טעקסט צו אַ הייליקער מלחמה אין נאָמען פון אַללאַ... פאַר אַ נישט און אַ גאָרנישט וועט אים די צעהיצטע מדבר־פאַנטאַזיע דיקטירן אַרויסצוגיין אין אַ הייליקן קריג, מיט פייער און שווערד, און מיט אַ פרומען פסוק אויף די ליפּן... אָ, מ׳דאַרף צוריקגיין צו די צייטן פון די קרייצריטערס, די רוסישע פּאָגראָם־העצערס, די נאַציס, די סטאַלי־ניסטן, כדי אָפּצוגעפינען ענלעכע בלוט־שנאה און מאָרדלוסט, אויפן סמך פון ענלעכע מאָטיוון, בילבולים, און אַזאַ פאַרשיכורנדיקן מאַסן־פאַנאַטיזם... זיכער זענען פאַראַן אויסנאַמען וואָס טראַכטן אַנ־דערש, אָבער זיי זענען אַ מיעוט, וואָס איז שטום, וואָס וואַגט נישט און ווערט בטול בששים. נו, טאָרן מיר נישט אַרויסווייזן קיין סימנים פון שוואַכקייט, פון אינערלעכער צעשפּליטערונג. אַז אָך און וויי וועט זיין צו אונדז, ווען מיר וועלן זיך ערשט אייניקן אין אָנבליק פון מל־חמה־פלאַקער ממש...

שרונה האָט זיך צוגעהערט צו אים. נישט געוואָלט אים איבער־רייסן. זי האָט געפילט, אַז דאָס רעדט אַרויס פון אים אַ טיפע דערפאַ־רונג, איבערצייגונג, באַהאַוונטקייט אין יידישער געשיכטע און מורא פאַרן גורל פון פאָלק און לאַנד. זי האָט געקוקט אויף אים און באַ־וווּנדערט זיין אויפריכטיקייט און ענטוזיאַזם.

זי האָט באַקומען פאַר אים גרויס דרך ארץ. זי וואָלט גערן אים אַרומגענומען און געקושט. זיי האָבן זיך געקוקט אַ ווייל אין די אויגן. זיך פאַרשטאַנען. ער האָט אַרויפגעזעצט זיין געווער אויפן אַקסל, פאַרריכט דעם רימען. געזאָגט „שלום", און אַוועקגעגאַנגען מיט געמאָסטענע טריט און געביילטע פויסטן.

נאָכן באָד, האָט זי אויפגעזוכט יעלן. זי וווינט נישט ווייט פון וויקטאָרן. און איז אַזאַ נייגעריקע און פּאַרריסענע. זי וועט זיכער וויסן ווו איז וויקטאָר. צי איז ער אין מילואים? אויב נישט, מוז מען אים וואָרענען. קעגן מוסטאַפאַ מוז מען אים וואָרענען, מוסטאַפאַ מיט זיין שפּרינגמעסער.

יעל איז געווען צופרידן זי צו באַגעגענען. זי האָט פאַר איר נייעס. נייעס פון וויקטאָרן.

„ער איז אין מילואים, נישט אמת?" — האָט שרונה געוואָרט אויף איר באַשטעטיקונג.

„ניין, שרונה. ער איז אין שפּיטאָל".

„ער איז קראַנק, וויקטאָר? נישט ערנסט, חלילה?"

„נישט ער, נאָר זיין פרוי. זי האָט שוין געזאָלט אַהיימגיין, נאָר ס'האָט צוגעשלאָגן אַ קאָמפּליקאַציע... וויקטאָר זיצט כסדר נעבן איר בעט, גייט נישט אַוועק אויף קיין רגע. די קינדער זענען דער־וויל ביי אירע עלטערן".

„אָבער, וואָס איז איר אַזעלכעס?"

„שווער צו וויסן. מ'לאָזט נישט צו קיינעם, צוליב דער היץ".

שרונה האָט געוואָלט נאָך אויספרעגן, אַרויסבאַקומען נאָך פּרטים. זי האָט געוואָלט וויסן צוליב וואָס זי איז בכלל אַריין אין שפּיטאָל; און נאָך וואָס זיצט ער טאָג און נאַכט ביי איר בעט. אויב אַזוי, מוז דאָך איר צושטאַנד זיין זייער ערנסט. אָבער, פּלוצעם האָט זי באַמערקט דעם דאָקטער, ווי ער גייט פאַרביי איר טישל. ער האָט זיך העפלעך פאַרנייגט, און געפרעגט נייגעריק, מיט אַ דיסקרעטן שמייכל אויף זיין ברייט פּנים: „נו, ווי איז אַדורך די נאַכט?"

„אַ דאַנק פאַרן פרעגן" — האָט זי געענטפערט און אַרויפגעצויגן אַ הייטערן שמייכל אויף איר פּנים, צוגעבנדיק מיט אַן אָנצוהערעניש: „ערגער ווי אַ נאַכט צופריער".

זי האָט זיך צעלאַכט. געווען איז עס נישט דאָס געלעכטער, צו וועלכן מען איז געווען געוווינט.

כח

ווען זי איז געקומען צו מאַרגנס נעמען איר טעפּל קאַפע און אַ לייכט אָנבייסן און זען זיך מיט יעלן, האָט זי באַגעגנט דעם דאָקטער זיצן ביי אַ טישל, און נעבן אים — אַ פרומער ייד. זי האָט זיך גע־זעצט ביים שכנותדיקן ליידיקן טישל, קעגן איבער דעם איינגאַנג צו „יעלס קעניגרייך״.

דער דאָקטער האָט געביטן זיין אָרט, אַזוי אַז ער זאָל אויסקומען מיטן פּראָפיל צו איר, און קעגן איבער זיין מיטשמועסער.

יעל האָט געבראַכט פאַר זיי צוויי טאָסן שוואַרצע קאַפע.

און פאַר שרונהן — אַן אַלט־געבאַקענע, זעמל מיט ווייסן קעז און קאַפע. זי האָט קיין אַפּעטיט נישט געהאַט. מ׳דאַרף דאָך אָבער עסן, כדי צו האַלטן זיך אויף די פיס אַ קיילעכדיקן אַרבעטסטאָג. זי האָט געמיינט, אַז אַן אַלטע זעמל וועט גיכער אַראָפּ ווי אַ פרישע, און אַז די זויערלעכקייט פון ווייסן קעז וועט ביי איר וועקן חשק צום עסן. זי האָט געגעבן אַ ביס און געפילט, אַז עס נעמט איר איבלען. דער ביסן, נישט נאָר וואָס ער וויל נישט אַראָפּ, נאָר וויל זיך נישט האַלטן אין מויל, און בעט זיך אויסגעשפּיגן צו ווערן. זי האָט באַ־וויגן מיט דער צונג, כדי ווייבער צו מאַכן דעם ביסן, צעקרישלען אים, געמאַכט שלונג־ און קיי־באַוועגונגען, איינגעאָטעמט טיף, וועלנדיק אַזוי נאָך באַצווינגען דעם פּראָפּן, וואָס האָט פאַרלייגט דעם האַלדז. זי האָט גיך געכאַפּט דאָס פּאַפּיר־סערוועטל, וואָס איז געלעגן דערנעבן, כלומרשט — אַרומצווווישן דאָס מויל, און בעת־מעשה אַריינגעשפּיגן אין אים דעם ביסן.

זי האָט אָפּגעאָטעמט מיט אַ זיפץ, ווי איינער וואָס באַפרייט זיך פון אַ שווערן שטיין אויפן האַרצן. דער דאָקטער האָט געקוקט אויף איר פון אַ זייט. עס האָט אויסגעזען, אַז עס אינטערעסירט אים מער איר טישל, ווי זיינס.

ווי עס איז אַרויסגעדרונגען פון די ברעקלעך שמועס, וואָס זענען דערגאַנגען צו איר, איז דער פרומער ייד, מיט באָרד און פיאות און אַ טיף קאַפּל אויפן קאָפּ, געווען אַ ירושלמי, זייט זיבן דורות. ער קומט יעדעס יאָר נעמען בעדער צו זיינע רעומאַטישע מיחושן. דאָס מאָל איז ער ביז גאָר צופרידן פון רעזולטאַט. האָט ער געזוכט דעם דאָקטער כדי אים צו דאַנקען.

„נישטאָ וואָס צו דאַנקען, ר׳ ייד. דאָס פאַרבעסערן זיך פונעם געזונט פון אַ פּאַציענט איז אונדזער דאַנק, אונדזער שכר" — האָט דער דאָקטער געזאָגט באַשיידן.

„אויב אַזוי, רופא, לאָמיר אייך דאַנקען אויף אַ פרום-יידיש-לעבן שטייגער, און ברענגען אַ פּסוק, אַ טייטש, אַ פּשטל, וואָס האָבן אין זיך לעבנס-חכמה, זענען מרחיב את הדעת, און שקול כנגד די טייערסטע האָנאָראַרן און מתנות און דאַנק-אויסדרוקן. ווייל געלט און געשאַנקען, און קאַזיאָנע דאַנק-מליצה — זענען עורבא פרח, גשמיות; היינט דאָ, מאָרגן אויס! — אָבער לעבנס-חכמה, מכל שכן ווען מ׳ווייסט ווי זי ריכטיק גורס צו זיין און אָנווענדן בחיי יום-יום, איז מי ידמה לה ומי יישווה לה?..."

שרונה איז געזעסן אַ פאַרטראַכטע. זי האָט געזען ווי דער דאָקטער קוקט כסדר אויף איר, ווי איר קאַמף מיטן ביסן זאָגט אים מער ווי דעם יידנס רייד. כדי נישט צו טראַכטן וועגן אַ נייעם ביס און אַ נייעם שלוק, ווייל דאָס טראַכטן אַליין האָט איר שוין געמאַכט איבלען, האָט זי אָנגעשפּאַרט איר עלנבויגן אין טיש, אונטערגעשפּאַרט דעם קאָפּ, פאַרשטעלנדיק דאָס מויל מיט דער פלאַך פון דער האַנט. און זי האָט זיך צוגעהאָרכט, מאַכנדיק דעם אָנשטעל, צוליב טאַקטישקייט, אַז זי טראַכט בעת-מעשה וועגן ווייסט וועגן וואָס.

דער דאָקטער האָט אָנגענומען די זעלבע פּאָזיציע וואָס זי — אָנגעשפּאַרט זיין עלנבויגן אין טיש, אונטערגעשפּאַרט דעם קאָפּ, פאַרשטעלנדיק דאָס מויל מיט דער פלאַך פון זיין האַנט. זי האָט געמיינט, אַז דאָס איז אַ מין אָנצוהערעניש, אָדער — ער רייצט זיך מיט איר. עס איז איר געווען אומאָנגענעם, וואָס זי הערט אונטער דעם שמועס, און געטראַכט אַוועקצוגיין. זי איז אָבער געבליבן, כדי צו פאַרלאָזן דעם זאַל צוזאַמען מיטן דאָקטער, גיין מיט אים אין חדר־הרופאים צו באַקומען אירע שלאָפפּילן. שפּעטער קומען דאָך די קורגעסט, און ער וועט נישט האָבן קיין צייט פאַר איר.

„הערט־זשע, רופא" — האָט דער ירושלמי ממשיך געווען — „וואָס איך וויל דאָ אַרויסברענגען. במה דברים אמורים? עס גייט אין פאַרשטיין דעם אייגנטלעכן זין פון דעם, וואָס עס שטייט געשריבן: טוב שברופאים לגיהנום... פאַר וואָס קומט עפּעס דעם גוטן צווישן דאָקטוירים, אָדער דעם בעסטן צווישן זיי, צו גיין אין גיהנום? עס דאַרף דאָך זיין פאַרקערט, גיכער — ס'גן־עדן, נישט אמת?... לאָמיך אייך ברענגען דערויף אַ פּשט, און דערנאָך נאָך אַ פּשט. הכלל — דער רופא, וואָס האַלט פון זיך שטאַרק, און גלייבט אַז ער איז דער טוב שברופאים, אַז ער איז דער גאַנצער קענער און ווייסער, אַז נאָר ער קאָן העלפן, און ער נעמט אויף זיך די גאַנצע אחריות..."

דער דאָקטער האָט אַוועקגענומען די האַנט פון מויל, און אים איבערגעריסן: „האָט דאָך דער רמב"ם שוין פון לאַנג געלערנט, אַז אַ דאָקטער, וואָס מיינט אַז ער ווייסט אַלץ, און לאָזט נישט צו צו זיך דעם ספק, קאָן זיין געפערלעך פאַרן חולה. דער דאָקטער מוז צווייפלען אין זיינע קענטעניש. דעריבער וועט ער זיך באַמיען צו פאַרפולקאָמען, באַרייכערן זיין וויסן, און וועט זוכן די מיטאַרבעט פון אַ צווייטן דאָקטער, אַ גרעסערן פון אים, און..."

„לאָזט זיך דינען, רופא. גערעכט. אשרי המפקפק במעשיו און האַלט זיך נישט פאַר דעם הכל יכול. ווייל איז דעם דאָקטער, וואָס

גיט זיך אָפּ אַ חשבון, אַז ער איז נישט מער ווי דער שליח פון כביכול, און אַז ער שיקט אים צו די נייטיקע מחשבה אין דער ריכטיקער צייט, נעבן דעם וויסן און דער דערפאַרונג פון רופא גופא. ווי זאָגט דאָס יידישע פאָלקסווערטל: גאָט צופריער, דער דאָקטער דערנאָך..."

דער ירושלמי האָט אָפּגעכאַפּט דעם אָטעם, און אַ זופּ געטון פון דער טאַס. דער דאָקטער האָט געטון דאָס זעלבע. און אַ קוק געטון אונטערשמייכלענדיק צו שרונהן. זי איז רויט געוואָרן, ווי אַ קינד, וואָס מ'כאַפּט ביי דער האַנט בעת אַ קונדסישן שמדשטיק, אָדער ביי אַ בפירושן ליגן. זי האָט אַראָפּגעבויגן איר קאָפּ און איינגעטונקען די ליפּן אין דער טאַס. זי האָט בלויז איינגענעצט זיי, נישט וואַגנדיק צו געבן אַ זופּ.

„לאָזט זיך דינען" — האָט דער פרומער ייד ממשיך געווען — „איצטער, דער צווייטער פּשט, וואָס איז אייגנטלעך דער המשך פון פריערדיקן, און איז אים משלים. איר ווייסט דאָך זיכער, אַז צווישן די אַכצן תפילות פון שמונה־עשרה, איז פאַראַן אויך — רפאינו השם ונרפא, הייל אונדז גאָט און מיר וועלן געהיילט ווערן... וואָס טוט אָבער דער רופא, וואָס מיינט, אַז ער איז דער טוב שברופאים, און אַז ער אַליין איז דער גאַנצער היילער, וואָס טוט ער? ער שפּרינגט פּשוט אַריבער די דאָזיקע תפילה, ער היפּערט אַריבער דעם רפאינו השם ונרפא... ער זאָגט, הייסט עס, נישט קיין אַכצן תפילות, נאָר בלויז זיבעצן. און זיבעצן איז דאָך כמנין טוב... און, לגבי דעם מין „טוב" שברופאים איז געזאָגט געוואָרן דער פּסוק — לגיהנום; אַזאַ ס'גאַל רופא זאָל גיין גראָד אין גיהנום אַריין..."

דער דאָקטער האָט זיך אויפגעשטעלט, דערלאַנגט זיין מיטשמועסער אַ וואַרעמע האַנט, מיט אַ צעשמייכלטן דאַנק אויף זיין ברייט פּנים. דער ירושלמי האָט געדריקט פעסט דעם דאָקטערס האַנט, און שטייענדיק ממשיך געווען: „דאָס מיינט מען אָבער נישט אייך. איר וועט, טייערער רופא, איבער הונדערט און צוואַנציק, גיין גראָד אין גן־עדן".

„ווע‏לן מיר זיך טרעפן דאָרטן, האַ? נאָר אונטער דעם דאָזיקן באַדינג. און מיר וועלן דאָרטן ממשיך זיין אונדזער שמועס, ר׳ ייד...״

„אָבער, ווי קום איך צו אייך, רופא, ווי קום איך צום גן־עדן, ווי קום איך?״.

דער דאָקטער האָט זיך צוגעשאַרט צום טישל פון שרונה, פאַר־נייגט זיך, אָנגענומען ביי אַן אָרעם, מיטציענדיק זי מיט זיך אין גאַס אַריין. זיי האָבן זיך אָפּגעשטעלט ביים טירל, וואָס פירט, דורך אַ קליין גערטנדל, צו די שטיגן פון חדר־הרופאים. ער האָט אַרויסגע־נומען פון דער טאַש פון זיין ווייסן כאַלאַט איר טעגלעכע דאָזע שלאָפּפּילן און דערלאַנגט. זי האָט גענומען. זי האָט געדאַנקט, וואָס ער האָט זי אַפילו נישט מטריח געווען צו זיך, נאָר פון פאַרויס צו־געגרייט איר רפואה.

זי האָט אים דערלאַנגט די האַנט. דער דאָקטער האָט זי אַרומ־גענומען מיט זיינעביידע האַנטפלאַכן און צוגערוקט זיין מויל צו איר אויער: „הער, שרונה״ –- האָט ער געזאָגט שטיל, פאַרטרויליכער און מיט פאַרלעגנהייט — „יאָ, ווי זאָל איך עס דיר זאָגן?... דו ווייסט דאָך וואָס פאַראַ גרויסער פריינד איך בין דיר, און וויפל גוטס איך ווינטש דיר. זיכער נישט ווייניקער, ווי איך וואָלט געווונטשן מיין טאָכטער, ווען זי וואָלט נישט געבליבן דאָרטן, מיט דער מאַמען, אין טרעבלינקע... בעט איך דיך, שרונה, נעם עס מיר נישט פאַר אומ־גוט... דו ווייסט דאָך אַז איך דאגה זיך פאַר דיין געזונט, איך אָב־סערוויר דיך. געזען אויך איצטער, ווי דו האָסט קיין אַפּעטיט נישט, ווי עס איבלט דיר, נעמט צום ברעכן; און שלאָפן שלאָפסטו אויך נישט... האָסט זיך בכלל געענדערט לעצטנס. איז מיר איינגעפאַלן, איז מיר איינגעפאַלן, אַז דו נייטיקסט דיך אין אַ באַראַטונג פון אַ פרויען־דאָקטער, אַן אַקושער...״

זי האָט זיך אָפּגערוקט פון אים מיט אַ טריט אויף הינטן, באַ־מיענדיק זיך אַרויסצוציען איר האַנט פון געקלעם פון זיינע הענט.

„וואָרט צו" — האָט ער געבעטן — „האָסט דאָך געהערט וואָס דער פּרומער ייד האָט אָקאָרשט געזאָגט, און דווקא גאָר ריכטיק און טרעפלעך, אַז אַ דאָקטער מוז תמיד צווייפלען אין זיין בקיאות, אין זיין מבינות, אין זיין דיאַגנאָז. ער קאָן זיך טועה זיין. איז דאָך אַ דאָקטער נישט מער ווי אַ מענטש, און וויפל פּאַר־קענטעניש און דערפאַרונג ער זאָל נישט האָבן, הערט ער נישט אויף דערמיט צו זיין עפּעס אַנדערש ווי אַ מענטש וואָס איז זיך טועה, און, לויטן רמב"ם, אַ סך מער ווי די נאַטור איז זיך טועה... און, אַז אַ דאָקטער האָט ספקות, דאַרף ער נעמען צו הילף אַ צווייטן דאָקטער, אַ מומחה, אַ ספּעציאַליסט... לאָמיר גלייבן אַז עס איז טאָקע נישט קיין שוואַנגערשאַפט; עס וועט זיין אַ חשד לבטלה, לאָמיר עס אָבער הערן מפּיו של מומחה, און וואָס שנעלער, וואָס שנעלער!"

ער האָט די לעצטע ווערטער געזאָגט גיך, ווי אַ באַפעל, אַק־צענטירנדיק יעדע זילבע. ער האָט זיך אויסגעדרייט צו איר פון די טרעפלעך און איבערגעחזרט: „אַ־בער וואָס שנע־לער, וואָס שנע־לער!"

„איר זייט זיך טועה, דאָקטער!" — האָט זי געהויבן איר קול און געלאַכט ספּאַזמאַטיש. — „איר האָט זיך זיכער קיין מאָל נישט אַזוי טועה געווען אין אייער לאַנגער קאַריערע ווי איצטער, דאָק־טער! עס וווּנדערט מיך זייער אַזאַ קאָלאָסאַלער טעות, דאָקטער! אַ שפּאַס, כ׳לעבן, דאָקטער!"

זי האָט זיך אָנגעכאַפּט מיט ביידע הענט אינעם אייזערנעם פּאַרקאַן נישט אומצופאַלן, אַריינגעשטעקט איר קאָפּ צווישן צוויי שטאַנגען און געשטאַנען לאַנג, לאַנג.

כט

שרונה האָט געוווסט, אַז זי וועט די נאַכט נישט שלאָפן. די שלאָפפּילן וועלן דאָס מאָל זיין אָן שום פּעולה, אַפילו ווען די דאָזע איז אַ סך אַ גרעסערע. עס איז אמת, אַז איר צייט פאַרשפּע־טיקט זיך דעם חודש. נישט קיין ווונדער — נאָך אַזעלכע איבער־לעבענישן! אָבער, ווי קאָן עס זיין אַ שוואַנגערשאַפט, אַז זי נעמט די פּילן זי צו פאַרהיטן? זייט זי האָט באַקענט וויקטאָרן, נעמט זי די דאָזיקע פּילן, לויט די פאַרפּליכטנדיקע פאַרשריפטן. זייט זי קען אים האָט זי שוין געהאַט צוויי מאָל איר צייט. די דריטע האַלט זיך אויף. קיין חידוש נישט. זייט יעל האָט איר דערציילט וועגן זיין פרוי און אירע איבערלעבענישן, זייט דעמאָלט איז זי דאָך קיין מענטש נישט מער. צי זאָל זי האָבן פאַרגעסן איינצונעמען די גלולה? צי האָט זי איבערגעהיפּערט אַ נאַכט, צוויי אָדער דריי, נישט אָפּגעבנדיק זיך קיין חשבון דערפון?

די רייד פון דאָקטער האָבן זי אויפגערודערט. געוועקט כל מיני ספקות און חשדים. אפשר, אין אַ מאָמענט פון פאַרגעסונג, אין אַ פּעריאָד ווען זי האָט באַשלאָסן ביי זיך צו האָבן אַ קינד פון אים, האָט זי נישט געדאַגהט וועגן חשבונות, און אפשר בכלל געווען אומפּעיק צו חשבונען און האַלטן קאָפּ? אָבער, ניין — דער ווילן צו האָבן אַ קינד פון אים איז ביי איר געוואָרן בולט ערשט די לעצ־טע וואָכן! אפשר האָט גובר געווען אַן אונטערבאַוווסטזיניקער דראַנג, וואָס זי האָט נישט געקענט קאָנטראָלירן?.... זי האָט אָפּ־געשאָקלט פון זיך דעם געדאַנק, און אים אַ וואָרף געטון פון זיך

ווייט אַוועק, ווי אַ שטיין געשליידערט מיט אַ שטאַרקער האַנט אין וואַסער אַריין. די אייגנטלעכע סיבה שטעקט אין די אויסטערלישע געשעענישן. בפרט זייט יענער נאַכט אין שיפּל... די מאָביליזאַציע... די טאַנקען... די מילואים פון וויקטאָרן, אָדער זיין אומקערן זיך צום ווייב אויף תמיד... און איצטער — דער אָנגריף פון מוסטאַפאַ... און, צוריקגעשמועסט, איז דאָך גוט באַוווּסט, אַז אויב אַ פרוי באַנוצט די פּיל, טרעטן געגנוג אָפּט אַרויס ביי איר אומרעגלמעסיקייטן וואָס שייך דער פּינקטלעכקייט פון באַווייזן זיך פון דער צייט, פון איר דויער און קוואַנטיטעט. נו, איז עס אויך דער פאַל מיט איר... אויך די לעצטע מענסטרואַציע איז ביי איר אַגב נישט געווען אַזאַ, ווי זי איז געוווינט צו האָבן. זי האָט נאָר געדויערט אַ טאָג־אַנדערטהאַלבן, באַגלייט מיט אַ קליינעם אָפּפלוס. אפשר איז שוין דעמאָלט אייגנטלעך געווען אַן אילוזיע און שוין דעמאָלט האָט זיך געהאַנדלט אין אַ פאַרשפּעטיקונג?... אָבער, ניין — דאָס איז אַן ענין פון נערוון, פון נשמה־צאַפּלענישן, פון איבערלעבונגען, וואָס האָבן נישט זייערסגלייכן... אויך דאָס איבלען, ברעכן און מאַנגל פון אַפּעטיט נעמען זיך פון דעם...

האָט זי באַשלאָסן נישט צו האָרכן דעם דאָקטער. נישט צו גיין צום פרויען־מומחה. דעם דאָקטער וועט זי זאָגן, אַז זי איז געווען, און אַז אַלץ איז בסדר. זי וועט אים אויסמיידן צו באַגעגענען בעתן פרישטיק. זי וועט פרישטיקן ביי זיך אין צימער. אָבער שלאָפן מוז מען דאָך! זאָל זי נישט שלאָפן, וועט זי איינגיין, וועט זי באַקומען נאָך מער נערוון, עסן נאָך ווייניקער, די צייט וועט זיך נאָך מער פאַרשפּעטיקן — עס וועט זיך איינשטעלן אַ כישוף־קרייז, ביז שגעון...

זי האָט אָפּגעמאַכט ביי זיך צו פאָרן אין שטאָט אַריין און קויפן קאָניאַק, כדי זיך אַרויסצוהעלפן אינעם שלאָף.

דער אויטאָבוס איז געווען איבערפולט. די לעצטע קורגעסט

האָבן זיך אומגעקערט צו זייערע האָטעלן אין שטאָט, נעבן כינרת. אָדער אויבן — אין קרית שמואל. אַ קורגאַסט האָט זי דערקענט און איר אָפּגעטרעטן זיין זיצאָרט. זי האָט נישט גערן אָנגענומען. ער איז געווען אַן עלטערער מענטש, אַ הינקענדיקער, און געוועקט רחמנות. נאָך אַ לענגערן העפלעכקייט־געראַנגל האָט זי זיך אַוועק־געזעצט. זי האָט געטראַכט: — אפשר טרעט ער איר אָפּ דאָס אָרט, ווייל אים דאַכט זיך, אַז זי שוואַנגערט? און שוואַנגערשאַפט האָט פּאַרצוג, מער ווי זיקנה און מער ווי הינקענדיקייט... איר האָט זיך געדאַכט, אַז אַלעמענס אויגן זענען געוואָנדן צו איר, אויף איר, אויף איר בויך. וואָס האָבן זיי זיך אַלע אַזוי פּלוצעם אָנגעזעצט אויף איר?

זי האָט געוואָלט אַרויסשפּרינגען פון אויטאָבוס אין מיטן גאַנג, כדי צו באַפרייען זיך פון די שפּיזיקע אויגן. דאָס וואָלט אָבער נאָך מער פאַרשטאַרקט דעם חשד...

דער אויטאָבוס האָט זיך געטרייסלט און געדרייט צוזאַמען מיטן שלאַנגיקן וועג, וואָס איז ערטערווייז געווען צעפּרעסן דורך דער זון, דורך רעדער פון שווערע מיליטערישע לאַסטאַויטאָס און טאַנק־פלאַפאַרמעס. דער ווינט, וואָס האָט געבלאָזן פון כינרת, צווישן די שיטער צעשטעלטע פּאַלמע־ביימער, האָט צוגעהאָלפן אינעם געטרייסל און געמאַכט קלינגען די אָפּגענוצטע און פונאַנדערגע־שרויפטע טיילן פון פאַרעלטערטן אויטאָבוס.

די לופט איז געווען אַ שטיקנדיקע, טראָץ די אויפגעעפנטע פענצטער. שרונה האָט געפילט, אַז עס פעלט איר אויס לופט, אַז דער מאָגן קריכט איר אַרויפצו, אַז דאָס גאַנצע בלוט שלאָגט איר אין קאָפּ אַריין, און צעזעצט דעם שאַרבן. דער הינקענדיקער קור־גאַסט, וואָס איז געשטאַנען נעבן איר, צוהאַלטנדיק זיך ביי דער אייזערנער שטאַנג איבערן קאָפּ, האָט באַמערקט ווי זי ווערט רויט און ווייס, ווי זי קאָן נישט כאַפּן דעם אָטעם, פאַרוואַרפט איר קאָפּ

און פֿאַלט אַוועק. האָט ער געמאַכט אַ רעש, געשריגן צום שאָפֿער זיך אָפּצושטעלן תיכּף.

מ׳האָט איר געקלאַפּט אין פּנים, געשאָקלט מיטן קאָפּ, געגאָסן אויף איר וואַסער, געגעבן צו שמעקן אַמאָניאַק, געפֿאָכעט מיט צייטונגען. דער שאָפֿער האָט איר געשטופּט אין מויל וואַלעריאַן־טראָפּנס פֿון זיין אַפּטייקל און געזאָגט, אַז ער וועט פֿאַרפֿאָרן מיט איר דירעקט צום מגן־דוד־אדום, פֿון וואַנען מ׳וועט זי אַוועקפֿירן מיט אַן אַמבולאַנס אין שפּיטאָל.

מ׳האָט אָבער נישט געדאַרפֿט קיין מגן־דוד־אדום און נישט קיין אַמבולאַנס. ביי דער ערשטער שטאָטישער אויטאָבוסן־סטאַציע איז זי אַראָפּ, נאָך איידער די רעדער האָבן זיך רעכט אָפּגעשטעלט, און האָט געוואָנדן אירע גיכע טריט גראָד צום געשעפֿט פֿון כרמל־מזרחי, קויפֿן קאָניאַק. די, וואָס האָבן איר נאָכגעקוקט, האָבן זיך איבערגעוווּנקען, און זיך געוווּנדערט, וואָס עס איז זיי גאָרנישט איינגעפֿאַלן, אַז איר נישט־גוטסקייט און אַוועקחלשן, האָט זיך געקאָנט נעמען פֿון אַ כּוסה צופֿיל...

צוריקוועגס איז זי געגאַנגען צו פֿוס די צוויי קילאָמעטער, וואָס טיילן אָפּ די שטאָט פֿון קוראָרט. זי איז געגאַנגען מיטן שפּאַציר־וועג, לענג־אויס דעם כּינרת. זי האָט באַדויערט, וואָס אַהינצו האָט זי גענומען דעם אויטאָבוס.

זי איז פֿאַרבייגעגאַנגען דעם שטאָטישן בית־עלמין. מענטשן זענען צוריקגעגאַנגען פֿון אַ לוויה. מסתּמא אַ רייכער מענטש, ווייל געווען אַ גרויסער עולם, און אַ גרויסע צאָל פּריוואַטע אויטאָס. מ׳האָט נישט געוויינט. נישט געקלאַפּט אין פּושקעס. רייך און מאָדערן געשטאָרבן.

זי האָט געהאַלטן אונטערן אָרעם אַ פֿלאַש קאָניאַק, אין יעדער זייט, און זיי פֿעסט צוגעדריקט צו זיך, זיי זאָלן זיך נישט אַרויסגליטשן. אירע טריט זענען געווען לייכט און שוועבנדיק. זי האָט

זיך געפּרייט, וואָס די נאַכט און אַלע קומענדיקע נעכט וועט זי גוט שלאָפן, גאָר גוט שלאָפן. צוויי פלאַשן — אויף וויפל נעכט וועלן זיי סטייען? זאָלן זיי סטייען אויף וויפל נעכט זיי ווילן נאָר; פּאַראַן נאָך אין כרמל־מזרחי...

זי האָט זיך צוגעזעצט אַ ווייל אויף אַ באַנק, נעבן די נייע אויסגראָבונגען, אויף האַלבוועגס צום קוראָרט. דאָס אויבערשטע רעפטל פון דער זון האָט געגאָסן פונעם ערב־בין־השמשות כדי איינצוטונקען זיך אינעם כינרת כל זמן עס איז נאָך נישט טונקל, און לייכטער געפינען דעם וועג אַרויסצו. אַ שיפל האָט זיך געשיפט פויל, ווייט פון ברעג, קוים זיך גערוקט פאָרויס. מסתמא איז דער פישער איינגעשלאָפן, אַ מידער פון דער אַרבעט, אָדער פון דער זון. אפשר גאָר אַ סטראַטעגיע אַזעלכע, אַריינצונאַרן וואָס מער פיש? זי האָט זיך אויפגעשטעלט, געקוקט אַהינצו. אפשר איז עס „מזל", די שיף, וואָס דאַרף ברענגען מזל דעם פישער — ווי הייסט ער דאָס? — יאָ, רחמים קיקי! רחמים, מזל... לײדער. איר האָט דאָס שיפל נישט געבראַכט קיין מזל, און קיין רחמים אויך נישט, נישט קיין מזל, נישט קיין רחמים...

זי האָט זיך אויפגעריסן פון אָרט, צוגעדריקט די צוויי פלאַשן פעסט צו זיך, און געלאָזט זיך לויפן, וועלנדיק זיין וואָס ווייטער פונעם שיפל.

ל

עס איז קוים אַדורך אַ וואָך, ווי זי האָט פּלוצעם באַקומען שטאַרקע בויך־ווייטיקן און אַ בלוטשטורץ פון אונטערלייב. זי האָט נישט געוווסט, וואָס עס געשעט מיט איר. זי האָט געפילט ווי זי פאַרלירט די כוחות און ווי עמעץ דרייט מיט אַ זעגמעסער אין אירע אינגעווייד.

ווען עס דויערט אַזוי אַ לאַנגע צייט, וואָלט זי נישט אויסגעהאַלטן. אָבער, צום גליק, זענען געווען אויך מאָמענטן, ווען די שאַרפע שמערצן זענען אַוועק, און געדריקט האָט מען אויף איר בלויז מיטן טעמפּן הענטל פונעם מעסער. דער ערשטער רעפלעקס־געדאַנק ביי איר איז געווען ,אַז דאָס איז געקומען איר צייט. צוליב דער פאַרשפּעטיקונג, די איבערלעבונגען, און מעגלעך — צוליבן קאָניאַק — איז זי געקומען מיט שטורעם, מיט יסורים, מיט קראַמפּן און איבערמאָסיקן בלוטאויסגוס.

ווען די יסורים זענען אַדורך, איז זי געווען זיכער, אַז אָט ענדיקט זיך איר פּיין. עס וועט זיך אויסשטיין. זי האָט באַדויערט, וואָס זי האָט נישט געהאָרכט דעם גוטן דאָקטער. ווען זי גייט צום גינעקאָלאָג, וואָלט ער איר זיכער געגעבן אַ מיטל, וואָס וואָלט צוגעאײַלט איר צייט און אויסגעמיטן אַזאַ דראַמאַטישן פאַרלויף. באַדויערט האָט זי אויך, וואָס זי האָט געזאָגט אַ ליגן דעם דאָקטער. זי האָט אים גענאַרט, זאָגנדיק אַז זי איז געווען ביים ספּעציאַליסט, און ער האָט גאָרנישט געפונען, לגמרי גאָרנישט...

און, ווען די יסורים זענען צוריקגעקומען, האָט זי גאָרנישט

געקאָנט טראַכטן מער, אַחוץ וועגן טויט, וועגן איר נאָענטן טויט. אָט, גייט זי אויס. זי איז שוין אויסגעגאַנגען. דאָס האָט מען נישט קובר געווען, מיט עטלעכע טעג צוריק, דעם רייכן און מאָדערנעם יידן, נאָר זי — שרונהן... און קיינער וויינט נישט, קיינער נישט. אויך וויקטאָר וועט נישט וויינען? צי וועט ער בכלל קומען צו איר לוויה, וויקטאָר?

די בויכשמערצן האָבן גענומען כסדר שטייגן און אָנהאַלטן לאַנג, גאָר לאַנג; כמעט אָן איבעררייס. אַ פרישער, הייסער שטראָם האָט אַ שפּריץ געטון אויף אירע אויבערשענקלען, און געבריט ווי געזאָטענער אייל. זי האָט געוואָלט זיך אָפּהייבן פון בעט, גיין אין בודואַר, כדי זיך אונטערוואַשן, נעמען אַן אינטימע באַנד. אָבער זי האָט נישט געקאָנט. זי איז געווען ווי צוגעשמידט צום בעט, און איר בויך איז געווען שווער, ווי אויסגעפּולט מיט בליי. האָט זי אָפּ־געריסן אַ שטיק ליילער, צונויפגעלייגט אין עטלעכע פלאַכן, אַריינ־גערוקט דאָרטן, פון וואַנען עס קומט דאָס בלוט, און פאַרקוועטשט פעסט די פיס. זי האָט אויסגעצויגן די האַנט צום דיל, גענומען די פלאַש, וואָס איז געשטאַנען נעבן בעט, צוגעשטעלט צום מויל און געצויגן עטלעכע שלוק.

דאָס האָט זי געקרעפּטיקט. איינצייטיק האָט זי געפילט אַ לייַ־דיקייט אין קאָפּ, אַ האַסטיק קלאַפּן אין די שלייפן, אַ קאָכעניש אין בויך און אַן אומרו אין די פיס. די פיס זענען זיך פונאַנדערגע־גאַנגען, ווי פון זיך אַליין, און דער פאַרוויקלטער קנויל איז אַרויס־געפאַלן, נאָכשלעפנדיק אַ נייעם בלוטשטראָם.

זי האָט געפילט, אַז דאָס זענען אירע לעצטע מינוטן. זי האָט געוואָלט שרייען, רופן מישעלן, ער האָט דאָך אַ צופּאַס־שליסל; נאָר גיך רעזיגנירט דערפון. זי וויל בעסער שטאַרבן. שטאַרבן וויל זי בעסער. זי האָט נישט וואָס צו לעבן. זי האָט שוין גענוג, גענוג! זי איז אַריין אין אַ פלאָנטער, און זעט נישט קיין אויסוועג. זי האָט

שוין מער נישט קיין כוחות צום קעמפן. זאָל נעמען אַ סוף, איין מאָל פֿאַר אַלע מאָל! צו פֿיל פֿאַר איין מענטש אַזוי צו ראַנגלען זיך, באַלד פֿון די פֿריסטע קינדער־יאָרן. גענוג! ווער ווייסט, וואָס עס וואַרט נאָך אויף איר? גענוג, איבערגענוג! און גוט אַזוי, גוט אַזוי, דאָקטער, גוט אַזוי, וויקטאָר. גוט אַזוי, מישעל, מי־שעל, מי־שעל!

מישעל, וואָס האָט גראָד געפֿונען זיך נישט ווייט פֿון איר גאַ־נעק, האָט דערהערט ווי פֿון איר צימער טראָגן זיך קרעכצן און אָפּ־געריסענע זילבן, ווי פֿון איינעם וואָס ליידט, וואָס רופֿט הילף. ער האָט צוגעשטעלט אַן אויער צו דער טיר און געהערט ווי זי סי־לאַביזירט זיין נאָמען. איז ער אַריין און אַ שיין געטון מיט זיין שטאַרקן רעפֿלעקטאָר־לעמפּל אין איר פּנים. ער איז אָפּגעשפּרונ־גען אַ דערשראָקענער. ער האָט געמיינט, אַז זי איז פֿאַרביי, נישטאָ מער.

„אלוהים אדירים, גאָט גרויסער!״ — האָט ער אויסגעשריגן, אַרויסלאָזנדיק דאָס געווער פֿון האַנט.

פֿון דעם שטאַרקן ליכט און פֿון קלאַפּ פֿון געווער אין דיל, האָט שרונה זיך אַ וואָרף געטון אויפֿן געלעגער, איבערגעוועקט זיך פֿון אָנמאַכט־דרימל.

„גאָט איז מיט דיר!״ — איז מישעל צוגעפֿאַלן צו איר. „וואָס איז מיט דיר? איך וועל רופֿן אַ דאָקטער״.

„עס איז מיר גאָרנישט, מישעל, גאָרנישט. עס וועט אַדורך״ — האָט זי געזאָגט מיט צעביסענע און בלאָע ליפּן.

מישעל האָט אָנגעצונדן די לאָמפּ. ער האָט באַמערקט אַ שנירל בלוט, וואָס טריפֿט פֿון אונטערן צודעק אַראָפּ צום דיל, גרויסע שווייספּערל אויף אירע איינגעפֿאַלענע באַקן, און אויגן וואָס גלאָצן אויסגעלאָשענע צום באַלקן.

„אלוהים, א־לו־הים!״ — האָט ער איבערגעחזרט און אַריינ־

געזיפּצט צווישן די זילבן. ער האָט געלאָזט לויפן דאָס וואַסער, איינגענעצט אַ האַנטעך, לייכט אויסגעדרענגט, און צוגעלייגט צו איר שטערן, צו איר פּנים. ער האָט דערלאַנגט אַ טעפּל וואַסער צום מויל.

„ניין!" — האָט זי געזאָגט, אָפּשטויסנדיק זיין האַנט. „איך וויל שטאַרבן, מישעל. לאָז מיך שטאַרבן".

מישעל האָט אַרויסגעלאָזן דאָס טעפּל פון דער האַנט, אויסגעגאָסן דאָס וואַסער אויף איר פּנים און אונטערן צודעק. אָפּדעקנדיק זי, אויסצווווישן דאָס וואַסער, האָט ער באַמערקט, אַז זי ליגט אין אַ טייך מיט בלוט. איז ער אַרויס רופן דעם שוטר, וואָס די פּאָליציי האָט צוגעטיילט צו היטן די געגנט זייט דעם פאַל מיט מוסטאַפאַ.

„רוף אַ דאָקטער, תיכף!" — האָט ער גערופן.

„נאָר נישט דאָקטער דניאל, נישט אים!... כ'האָב אים געהאַרט, געהאַרט. כ'וועל אים נישט קאָנען קוקן אין די אויגן" — האָט זי געבעטן, מיט אַ קול פון גסיסהדיקער ווידוי.

„און אַן אַמבולאַנס" — האָט ער אַרויסגעשריגן צום שוטר.

„אָבער גיך, גיך, גיך!"

לא

די דאָקטוירים אין שפּיטאָל האָבן פעסטגעשטעלט, אַז עס האַנדלט זיך אין אַ שלעכט פּאַרבונדענער שוואַנגערשאַפט, וואָס איז ברוטאַל איבערגעריסן געוואָרן, ווי עס איז דער דין מיט עקסטראַ־אוטעראַלע באַפרוכפּערונגען.

מ׳האָט זי נישט געקאָנט אָפּערירן. זי איז כסדר געווען אָן באַ־ווּסטזיין, געהאַט הויכע היץ און אַ גאָר נידעריקן בלוטדרוק. די היץ האָט זיך גענומען פון דער אינפעקציע אין בויך־חלל און פון אַבצעס, וואָס האָט זיך געשאַפן אין אייערשטאָק־רער, נאָכן אויפרייסן זיך. דער פאַרלוסט פון אַ גרויסן סכום בלוט האָט זי אָפּגעשוואַכט, אַריינ־געטריבן אין אַ צושטאַנד פון שאָק, כמעט פון טאָטאַלער אָנמאַכט.

מען האָט זי געהאַלטן ביים לעבן מיט טראַנספוזיעס, מיט רער־לער, צו וועלכע עס זענען געווען באַהאָפטן אַנטיביאָטיק־אינפוזיעס, האַרצשטאַרק־מיטלען און קאָרטיזאָן־לייזונגען. פון צייט צו צייט האָט מען צוגעפעסטיקט אַ מאַסקע צו איר נאָז און מויל, און גע־מאַכט אָטעמען זויערשטאָף.

זי האָט געאָטעמט ספּאַראַדיש, מיט אומרעגולערע הפסקות, גע־קלאַפּט מיט די נאָזפליגל מיט רעש, געשווידערט, און פון צייט צו צייט זיך אַ וואָרף געטון קאָנוולסיוו, מאַכנדיק ציטערן די רערן־אינסטאַלאַציעס און די ברעטלער, צו וועלכע עס זענען צוגעפעסטיקט אירע אָרעמס און עלנבויגנס. די פלעגשוועסטער, וואָס האָט נישט אָפּגעטרעטן פון איר אויף קיין רגע, האָט צוגעהיט, אַז די נאָדלען זאָלן זיך נישט רירן פון די אָדערן, אַז די רערלעך זאָלן זיך נישט פאַר־

דרייען, אָדער פאַרשטאָפּן, אַז עס זאָל נישט אויספעלן קיין בלוט, קיין מעדיצינען, קיין זויערשטאָף. זי האָט אַרויפגעזעצט און אַראָפּגענומען די מאַסקע, פאַרגרעסערט אָדער פאַרקלענערט דעם גאַזדעביט, לויט דעם ווי עס איז געווען נייטיק, און לויט דעם ווי די קראַנקע האָט פאַרטראָגן. זי האָט געמוזט צוהאַלטן איר קאָפּ, ווייל זי האָט זיך געוואָרפן, געשווימט זיך, געבאַרכלט, געהוסט, געריסן די עלנבויגנס פון די צוהאַלט־ברעטלער.

די דאָקטוירים זענען אָפּט געקומען צו איר. אונטערזוכט, קאָנטראָלירט די ציפערן, די רעזולטאַטן פון די אַנאַליזן, די טראַסירונג פון דער האַרץ־טעטיקייט, אַריינגעזעצט אַ מוילרער ביז דער קעל אַראָפּ, צום פאַרבעסערן דאָס אָטעמען אונטער דער מאַסקע, און — געהויבן מיט די אַקסלען. ווער ווייסט ? האָפענונג איז אָבער תמיד פאַראַן. עס ווענדט זיך צי איר אָרגאַניזם וועט גענוג גיך גובר זיין, און מ׳וועט זי גענוג גיך קאָנען נעמען אויפן אָפּעראַציע־טיש. וואָס גיכער, איז בעסער ! אַ שאָד, וואָס מ׳האָט אַזוי לאַנג געוואַרט, ביז מ׳האָט זי געבראַכט אין שפּיטאָל. ווען מ׳ברענגט זי אַ שעה־צוויי נאָכן באַווייזן זיך פון די ערשטע סימפּטאָמען, וואָלט עס געווען גאָר פּשוט. אָבער, אַזוי...

דאָקטער דניאל האָט זיך געמאַכט פאַרוואָרפן, הלמאַי ער האָט זי נישט באַגלייט דעמאָלט צום ספּעציאַליסט. ער האָט בכלל גענומען צווייפלען אין דעם צי זי איז אויף אַן אמת געווען באַראָטן זיך מיט אים. ער האָט נישט געוואָלט שטעלן אין ספק איר וואָרהאַפטיקייט. ער האָט אגב באַמערקט אַ בעסערונג אין איר צושטאַנד. זי האָט די לעצטע טעג אויסגעזען רואיקער, אויסגעשלאָפן, און האָט פאַרפעלט טיילמאָל צו קומען נעמען אירע שלאָפּפּילן. זי האָט געאַרבעט אויך מיט מער חשק, תיכף פון פאַר טאָגס אָן, נישט האָבנדיק קיין צייט אָפילו צו פרישטיקן ביים טיש...

ער איז אָפּט געזעסן ביי איר בעט, צוגעהערט דאָס אויספירן געוויסע פאַראָרדענונגען פון גינעקאָלאָג, פון כירורג, פון אינטערניסט,

און געווישט דעם קאַלטן שווייס פון איר שטערן, דעם שוים פון אירע צעביסענע ליפּן.

ערשט דעם פערטן טאָג האָט זי צוריקגעוווּנען טיילווייז דאָס באַוווסטזיין. זי האָט געעפנט די אויגן. דערזען דעם דאָקטער. זי האָט געוואָלט אויפהייבן אַ האַנט, כדי אויסצווישן די אויגן, זיך איבערצייגן צי זי זעט גוט; אָבער די בענדער אַרום ברעטל האָבן נישט געלאָזן. זי האָט אויפגעהאַלטן אַ ווייל די אויגנלעדלער, און זיך איינגעקוקט אין דער באַקאַנטער געשטאַלט אין ווייסן.

„סליחה, אַדון דאָקטער, וואָס כ׳האָב געגאַרט. כ׳בעט מחילה" — האָט זי געבעטן מיט שטילע און ציטערדיקע ליפּן.

ער האָט זיך אַריבערגעבויגן איבער איר קאָפּ און אַ קוש געטון אירע ווילד צעשויבערטע האָר.

„איך בין גענוג זינדיק. וויל נישט מיטנעמען נאָך אַ זינד אויף יענע וועלט".

„וואָס פאַרא יענע וועלט, שרונה? דו רעדסט פון וועג, כ׳לעבן".

„זיי מוחל, תסלח לי, הרופא הטוב"...

זי האָט פאַרמאַכט די אויגן, און איז אַוועקגעפאַלן. דר. דניאל האָט געמאַכט אַן איינשפּריצונג, געהייסן דער שוועסטער פאַרשטאַרקן דעם צופלוס פון זויערשטאָף. ווען דער פּולס איז געוואָרן רעגולערער און דאָס אָטעמען בעסער, האָט ער זיך צוגעבויגן צו איר אויער, און געזאָגט מיט אַן איראָנישן שמייכל: „מוחל זיין וועל איך דיר שוין אין אַ וואָך־צוויי אַרום, ווען וועסט, נאָך אַלעמען, קומען צו מיר אין חדר־הרופאים, אין פריידן".

ווען שרונה האָט זיך ווידער איבערגעוועקט, איז דער דאָקטער נישט געווען מער נעבן איר. זי האָט אים געזוכט אומעטום מיט ברייט צעעפנטע אויגן. אָבער, אַנשטאָט אים, האָט זי באַמערקט, אין דער לייכט אָפּגעלענטער טיר, אַ קאָפּ, וואָס האָט איר אויסגעזען באַקאַנט. ווער איז דער דאָזיקער קאָפּ? זי האָט דאָך אים ערשט נישט

לאַנג געזען. זאָל עס זיין וויקטאָר? עס זעט אויס צו זיין וויקטאָר. פאַר וואָס זעט ער אָבער אויס אַנדערש ווי תמיד? ער זעט אויס פרעמד, און אַזוי ווייט. פון וואַנען נעמט זיך פּלוצעם וויקטאָר? וואָס טוט ער דאָ? וואָס וויל ער פון איר? פאַר וואָס שטופּט ער זיך אַזוי, פאַר וואָס?

די פלעגערין שטופּט אים צוריק. זי זאָגט אים, אַז מ׳טאָר נישט אַריינגיין — די קראַנקע איז נאָך גוט קראַנק. עס איז פאַרבאָטן. אפשר מאָרגן, איבערמאָרגן? ער שטעקט אַריין אַ האַנט, און אין איר — אַ בוקעט בלומען. און ער בעט זיך: „גיב עס איר איבער, איך בעט דיך, שוועסטער. זאָגט איר, אַז דאָס איז פון וויקטאָרן, זי וועט שוין וויסן, פון וויקטאָרן".

זי וויל אויסציען אַ האַנט, צו נעמען די בלומען, אָבער די ברעט־לעך לאָזן נישט, לאָזן נישט. זי וויל שרייען: „וויקטאָר, וויקטאָר!" — אָבער די ווערטער בלייבן שטעקן אין קעל, נעמען אָפּ דעם אָטעם, דרייען זיך זילבנווייז הינטער די פאַרהאַקטע אויגנדעקלעך, ווי פאַר־ביקע רעדלעך, און קלאַפּן אין די שלייפן ווי מיט אַנגעגליטע העמער־לעך: „וויק־טאָר, וויק־טאָר, וויק־טאָר!"

לב

דריי טעג נאָך דער אָפּעראַציע, ווען עס איז שוין געגאַנגען אין גאַנצן בעסער, און מ׳האָט זי געמעגט באַזוכן, האָט שרונה גע־האַט אַן אומפאַרהאָפטן גאַסט.

אַ פרוי אין אַ שלאָפראָק פון שפּיטאָל, מיט שוואַרצע, לאַנגע האָר און פינקלדיקע אויגן, האָט זיך אַוועקגעזעצט נעבן איר בעט. זי האָט זי קיין מאָל נישט באַגעגנט. ווער איז זי?

„איך בין תרצה" — האָט זי געזאָגט, מיט אַן איראָנישן שמייכל אויף איר טונקל פּנים.

„ווער?" — האָט שרונה געפרעגט מיט שטוינען.

„תרצה. מיין נאָמען זאָגט דיר גאָרנישט, האַ?"

שרונה האָט געקוקט אויף איר, אויפן גלי פון אירע צאַפּלדיקע אויגן, אויפן בייסיקן ציטער פון אירע באַקן און ליפּן, און געדרייט מיטן קאָפּ אויף ניין.

„און דער נאָמען וויקטאָר, וויק־טאָר, זאָגט דיר גאָרנישט, האַ?"

„ווער?" — האָט זי איבערגעפרעגט.

„וויקטאָר, מיין מאַן. דו זעסט שוין?"

די פלעגערין איז גראָד אַריינגעקומען מיטן טערמאָמעטער אין האַנט, מעסטן די אָוונט־טעמפּעראַטור. זי האָט באַמערקט אַן אומרו אויף שרונהס פּנים און איר צאָרנדיקן בליק — האָט זי געבעטן דעם גאַסט צו פאַרלאָזן דאָס צימער. „שוין גענוג, גענוג אויף היינט. קום מאָרגן!"

„מאָרגן פאַרלאָז איך דעם שפּיטאָל" — האָט זי געזאָגט — „שוין גענוג געווען דאָ!"

„פאַרלאָז געזונטערהייט. נאָר לאָז צו רו די קראַנקע דאָ. זי איז נאָך שוואַך. שלום, גברת..."

„תרצה. תרצה מבית אַבולעפיה, תרצה".

ווען די טאָגשוועסטער איז אַוועק, איז תרצה צוריקגעקומען.

„איך מוז זיך אַראָפּריידן פון האַרצן" — האָט זי געזאָגט, נאָך איידער זי האָט זיך אַוועקגעזעצט.

„דו מיינסט, אַז כ'בין שוין גענוג געזונט דיך אויסצוהערן, אויסצוהערן אַלץ, וואָס דו האָסט אויפן האַרצן; גיי מיט חסד, איך בעט דיך..."

„דו האָסט פאַרדינט דעם זעלבן חסד, מיט וועלכן דו באַציסט דיך לגבי מיר..."

שרונה האָט אַוועקגעלייגט באַקוועם דעם קאָפּ, פאַרמאַכט די אויגן און געוואַרט אויף האַרבע רייד, ווי אַ פּסק־דין פאַר אַ שווערן חטא.

„מעגסט קוקן אויף מיר!" — האָט תרצה געזאָגט באַפעלעריש — „איך בין אַן אָפּשטאַמיקע פון שר הגדול, רבי חיים אַבולעפיה, און איידל־פּרינציש־בלוט פליסט אין מיינע אָדערן... מיט אַ דריי הונדערט יאָר צוריק זענען מיר געקומען אין לאַנד אַריין, און נישט ווי דו און דיינסגלייכן, מיט געציילטע יאָרן צוריק... מעגסטו קוקן אויף מיר, זייער דרייסט, און אויך דעם אמת אין די אויגן אַריין..."

שרונה האָט זיך נישט באַוויגן, געעפנט לייכט די אויגנלעדלער, געגעבן איר אַ סימן, אַז זי זאָלריידן; זי הערט.

„געהערט, אַז דו ביסט געקומען אַהערצו, האָב איך תיכף געוואָלט דיך באַגעגענען. דו ביסט אָבער געווען שטאַרק קראַנק, און איך בין נאָך נישט געווען מיט אַלעמען... איך בין אַריין אין שפּיטאָל נאָך

אַ בלוטשטורץ, נאָך דעם ווי וויקטאָר האָט מיך צוגערעדט, אַז כ׳זאָל אָפּטרייבן...״

„וואָס ?״ — האָט שרונה געעפנט ברייט די אויגן, נישט גלייבנ־דיק, אַז זי הערט גוט, און געבעטן : „זאָג עס נאָך אַ מאָל, איך בעט דיך, חזר איבער דאָס זעלבע״.

תרצה האָט איבערגעחזרט דאָס זעלבע, און צוגעגעבן, מיט אַ טאָן פון התנצלות : „איך האָב נישט געוואָלט. איך האָב ליב קינדער. ביי אונדז האָט מען אַ סך קינדער. אָבער ער האָט זיך איינגעעקשנט; מ׳דאַרף אונטערוואַרטן. ער וועט אין גיכן גיין אין מילואים, און די מלחמה הענגט אויף אַ האָר, מ׳רעדט ערנסט דערוועגן... און ער, וויקטאָר, גייט דאָך תמיד אין ערשטן פייער מיט זיין טאַנק. וויל ער נישט פאַריתומען נאָך אַ קינד... עס וועט זיין פאַר איר לייכטער מיט צוויי, ווי מיט דריי...״

זי האָט איבערגעריסן. די פינטלדיקע אויגן פון שרונהן, און די צופרידנקייט, וואָס האָט זיך געמאָלן אויף אירע צוקנדיקע באַקן, דער שמייכל אין די לייכט צעעפנטע מויל־ווינקלען האָבן איר ווי געטון. האָט זי געביטן דעם טאָן, געוואָרן אַגרעסיוו : „האָב איך זיך געלאָזט צוריידן. אָבער מיט אַ תנאי. און דער תנאי איז געווען, אַז ער זאָל זיין אין גאַנצן מיינער, און אין גאַנצן אַ טאַטע צו די קינדער, ווי פריער... אַז ער זאָל זיך אָפּזאָגן פון דיר, איבעררייסן לגמרי מיט דיר, דיך נישט קענען מער, דיך לאָזן לויפן ווי אַ קרעציקע, אַן אויס־געלאַסענע...״

שרונה האָט געפילט ווי דאָס בלוט שלאָגט איר אין קאָפּ אַריין, ווי אירע אויגן פאַרלויפן מיט אַ פינצטערן וואָלקן, די צונג צעוואַקסט זיך אין מויל און קאָן זיך נישט אָפּקלעפּן פון גומען. זי האָט געמאַכט באַוועגונגען מיט די הענט, מיטן קאָפּ, אַז עס איז נישט אמת, נישט אמת, אַז זי זאָל אַנטשוויגן ווערן, גענוג !

תרצה האָט זיך נישט געמאַכט זען איר רעאַקציע, און ממשיך

געוועז: „האָט ער אָנגענומען דעם תנאי. און געבראַכט אַ הייבאַם מיט די נויטיקע מכשירים. דערנאָך האָב איך אָנגעשפּאַרט אין שפּיטאָל מיט אַ בלוטשטורץ און הויכער היץ. נאָכן אויסרייניקן די געבור־מוטער, האָט זיך געמאַכט אייטער אין בויך. געמיינט, כ׳בין פאַרביי... מ׳האָט געוואָלט אויסשניידן די געבערמוטער. איך האָב זיך געווערט, נישט געלאָזן. געהייסן וויקטאָרן לייגן אייז אויפן בויך, איין אייזזאַק אַראָפּ און אַ צווייטער אַרויף, טאָג און נאַכט. וויקטאָר האָט זיך געאַמפּערט מיט די דאָקטוירים, די ספּעציאַליסטן ,און אויסגעפירט: געראַטעוועט די געבערמוטער...״

זי האָט אָפּגעאָטעמט טיף, אַריינגעקוקט אין שרונהס פּנים, וואָס האָט אויסגעזען ווי אָפּגעשטאָרבן ,אָן אויסדרוק, און זיך צוגעבויגן צו איר אויער, אָקצענטירנדיק יעדעס וואָרט, יעדע זילבע; „אָבער דו? דו האָסט נישט מער קיין גע־בער־מו־טער, האָסט נישט מער. גוט אַזוי! אויסגעשניטן, און געוואָרפן פאַר די הינט... אויס! אויס! ווייסע פּרינצעסין, אויס גע־בער־מו־טער — אויס פרויענ־צי־מער, אויס פרוי, גוט אַזוי!״

שרונה איז אויפגעשפּרונגען אויפן געלעגער, געוואָרפן זיך, גע־וואָלט זיך אויפהייבן, וואַרפן זיך מיט די פויסטן אויף איר, אַריינקריכן מיט אירע שאַרפע נעגל אין אירע איינגעווייד און אַרויסרייסן ביי איר די געבערמוטער, אַרויסרייסן און וואַרפן פאַר הינט... זי האָט געוואָלט איר זאָגן, אַז וויקטאָר האָט זי געגאַרט, און אַז ער האָט איר געהייסן אָפּטרייבן צוליב איר, צוליב שרונהן, ווייל זי האָט עס פון אים פאַרלאַנגט, זי — שרונה... ווייל עס איז לייכטער איבער־צולאָזן אַ פרוי מיט צוויי קינדער, ווי מיט דריי, בפרט אַן עופעלע... ווייל ער האָט זי געפּאָלגט, שרונהן, און כדי צוריקצוקומען צו איר... דאָס איז אַ בולטער באַווייז, אַז ער איז ווייטער אירער, און נישט פאַרקערט... זי האָט איר געוואָלט ווייזן די בלומען, וואָס וויקטאָר האָט איר געבראַכט; זיי שטייען נאָך אין וואַזאָן, און בליען, און שמעקן, שמעקן פאַר איר...

זי האָט אָבער נישט געקאָנט אַרויסברענגען קיין וואָרט איבערן מויל. זי האָט געפילט ווי אַלע כוחות זענען ביי איר פלוצעם אָפּגענומען געוואָרן. זי האָט געביילט די פויסטן, געהויבן זיי צו איר, און געלאָזט פאַלן שווער אויפן בעט.

לג

די דאָקטוירים האָבן נישט פאַרשטאַנען צוליב וואָס עס איז פּלוצעם אַריינגעטרעטן אַ פאַרערגערונג אינעם געזונט־צושטאַנד פון שרונהן. איר קאָנוואַלעסצענץ איז געווען אַ נאָרמאַלע. די פאָלגן פון דער אָפּעראַציע האָבן נישט געקאָנט זיין קיין בעסערע. און דאָ, פּלוצעם — אַ צושטאַנד פון שאָק, אַ שוואַך האַרץ, קאָנוווּלסיעס און אַ גאַלאָפּירנדיקער פּולס. און קאָמפּליצירט די לאַגע האָט נאָך מער דער פאַקט, וואָס זי האָט זיך אָפּגעזאָגט צו עסן. זי האָט געהאַלטן פאַרקלעמט דאָס מויל און נישט איינגענומען אַפילו קיין פליסיקייט.

„איך וויל שטאַרבן" — האָט זי כסדר איבערגעחזרט, ווען זי האָט צוריקגעוווּנען דאָס באַוווּסטזיין, צווישן איין שאָק־אָנפאַל און צווייטן.

מ'האָט זי דערנערט קינסטלעך, מיט רערלעך, אינפוזיעס, שפּריצן, קליסטירס. זי האָט זיך געוואָרפן אין ספּאַזמען, געריסן די רערן, די אינסטאַלאַציעס פון אויפגעצווונגענעם דערנערן און באַפּליסיקן. מ'האָט זי געמוזט בינדן, אַרומשטעלן שוצברעטער ביי די זייטן פון בעט.

„לאָזט מיך שטאַרבן" — האָט זי געבעטן — „איך וויל שטאַרבן".

מ'האָט קיינעם נישט צוגעלאָזן צו איר.

עס האָט זיך איר געדאַכט, אַז אין דער לייכט צעעפנטער טיר זעט זי דעם זעלבן קאָפּ, וואָס פריער. ער וויל זיך אַריינרייסן. אַ באַדינער, אַ שטאַרקער, פאַרשטעלט אים דעם וועג. ער האַלט אין האַנט אַ בוקעט בלומען. מ'פאַרמאַכט די טיר פאַר זיין נאָז. ער שרייט אַריין:

„לעב, שרונה. איך וויל דו זאָלסט לעבן. דו מוזסט לעבן, מיין פרינ־צעסין. דו מוזסט!"

אין אָוונט איז געקומען מישעל. ער האָט אַריינגעשטעקט זיין דאַרן קאָפּ אין שפּאַלט פון דער טיר, און אַריינגעשריגן הויך: „מ'האָט אים געכאַפּט, שרונה! און נישט נאָר אים, מוסטאַפאַן, נאָר אויך זיין גאַנצע באַנדע מערדער... זיי וויסן, שרונה!"

זי האָט געעפנט די אויגן, אַרויפגעצויגן אַ שמייכל אויף איר וואַקסענעם פּנים. „מישעל" — האָט זי געזאָגט, באַמיענדיק זיך צו הייבן די שטים — „מישעל, וועסטו איצט קאָנען ווייטער סטרייקן, כאן שובתים, מי־שעל..."

„ניין, כ'וועל וואַרטן, טייערע, אַז זאָלסט ווידער געזונט ווערן, צוריקקומען צו דער אַרבעט. עס וועט נישט זיין קיין קאָפּ צו סטרייקן, וויסנדיק אַז דו ביסט קראַנק, שרונה. איך טו אַ נדר".

ער איז געווען צופרידן, וואָס זי רעדט צו אים, וואָס זי רעדט צו דער זאַך. אַ סימן, אַז זי פילט זיך שוין בעסער. טרערן האָבן זיך באַוויזן אין זיינע אויגן. טרערן פון פרייד. זיינע פיס האָבן גענומען זיך וואַקלען. מ'האָט אים צוגעפירט צו אַ שטול ביי דער וואַנט. ער האָט זיך צוגעזעצט, אָפּגעווישט די טרערן. כדי צו פאַרדעקן זיין גע־רירטקייט, גענומען אונטערזינגען זיין באַליבטן רעפריין: ללכת שבי אחריך... לכאוב אותך ושוב להתאהב...

פון שרונהס צימער האָבן זיך געטראָגן שטילע און ציטערדיקע באַגלייט־טענער פון דעם זעלבן געזאַנג.

אין ברייטן קאָרידאָר, נעבן איר צימער, האָבן זיך געזאַמלט פריינד און באַקאַנטע, פון צווישן פּערסאָנאַל, קורגעסט און סתם נייגעריקע. זיי זענען געקומען זיך נאָכפרעגן וועגן איר געזונט, גע־קומען מיט ברכות, מיט תפילות, געקומען אַ בליק טאָן אויף איר כאַטש פון דער ווייטנס. זיי האָבן געוואָלט זיך איבערצייגן צי זי איז

נאָך אַזוי שיין, אַזוי פּרינצעסיש ווי זי איז פריער געווען, טראָץ איר קרענק. אַ ספּעציעלער היטער איז געשטאַנען ביי דער טיר און נישט געלאָזן זיך אַריינרייסן, אָדער אויסנוצן די גוטסקייט, די צעשטרייטקייט פון אַ פלעגערין.

יעל האָט זיך אַרויסגעגליטשט פון די הענט פון היטער, און צוגעשטופּט זיך צו שרונהס בעט: „אַ גרוס דיר פון וויקטאָרן" — האָט זי געזאָגט גיך, פילנדיק ווי פעסטע הענט ציען זי ברוטאַל צוריק. „וויקטאָר גריסט דיך, שרונה. ער טראַכט ווייטער וועגן דיר... און, גלייב נישט קיין וואָרט פון דעם וואָס תרצה האָט דיר געזאָגט. זי איז אַ שלאַנג, תרצה. אַ שלאַנג איז זי..."

„ביסט אַליין אַ שלאַנג" — האָט געשריגן דער היטער — „דו האָסט דיך אַרויסגעגליטשט פון מיינע הענט. אָבער איצט האַלט איך דיך פעסט, שלאַנג וואָס דו ביסט".

שרונה האָט מסכים געווען מיטן היטערס רייד, און געווען צופרידן וואָס די טיר מאַכט זיך צו מיט רעש הינטער יעלס רוקן.

ד"ר דניאל האָט אָבער געקאָנט קומען ווען ער האָט נאָר געוואָלט. די מענטשן האָבן אים מקנא געווען.

זי האָט אויסגעקוקט אויף זיין נייעם באַזוך מיט אַ צאַפּלדיקן אומרו אין אַלע אירע אברים און מיט אַ ברענענדיקער פראַגע אויף די ליפּן. זי האָט געפילט, אַז זי מוז תיכף באַקומען פון אים אַן ענטפער, תיכף, איידער עס ווערט צו שפּעט:

„עס איז אמת, עס איז אמת, אַז... אַז איך האָב קיין געבערמוטער נישט מער? זאָג, רופא, גיך, גיך, גיך!"

„וואָס פעלט דיר איין, טייערע? זיכער האָסטו ווייטער דיין געבערמוטער! מ'האָט נישט מער ווי געריייניקט אינעווייניק, נישט מער" — האָט ער געזאָגט אַנטשלאָסן און זיכער.

„צאָלסט מיר אָפּ, גוטער רופא, אַ ליגן פאַר אַ ליגן, האַ?"

„ניין, כ'זאָג דיר דעם גאַנצן אמת, דעם גאַנצן. וועסט קומען צו זיך, וועסטו דיך לייכט קאָנען איבערצייגן".

„אַ דאַנק, תודה רבה" — האָט זי געזאָגט. זי האָט אַרויפגעצויגן אַ שמייכל פון לייטזעליקייט אויף איר בלייך פנים, פאַרהאַלטן אים אַ ווייל אין די מויל- און אויגן-ווינקלען. און אַוועקגעפאַלן שטאַר.

ווען מענטשן זענען שפּעטער פאַרבייגעגאַנגען איר בעט, האָבן זיי נאָך געפונען בולטע סימנים פון איר לעצטן שמייכל.

ביז איצט דערשינענע ביכער פון לייב קורלאַנד

מיר זענען ווי פעלדזן (אַ בויגן לידער) 1942

עס האָט זיך אָנגעהויבן (דערציילונגען) 1943

אַמאָל איז געווען אַ דאָרף (נאָוועלע)
פאַרלאַג י. נאַראָדיצקי, לאָנדאָן 1944

פאַרכטיקע טעג (דערציילונגען)
„לאַנדסבערגער יידישע צייטונג", לאַנדסבערג 1946

אויפן וועג צו זיך (ראָמאַן)
פאַרלאַג „אונדזער קיום", פאַריז 1967

גאולה (דערציילונגען)
פאַרלאַג „אונדזער קיום", פאַריז 1969

ביי די ברעגן פון כנרת (דערציילונגען)
פאַרלאַג י. ל. פרץ, תל אביב 1973

צעקלונגענע שעהען (דערציילונגען)
פאַרלאַג י. ל. פרץ, תל אביב 1975

על שפת הכנרת (סיפורים)
הוצאת ספרים מ. ניומן, תל אביב 1977

Corrie du Moulin (Nouvelles)
Ed. „Scorpion", Paris 1963